STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 11729

# KARTUZ-BEREZE

David Kutner

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

דאוויד קוטנער

27/VII 1959

# קארטוז-בערעזע

## דער פוילישער קאָנצענטראַציע-לאַגער

אַרויסגעגעבן דורך דער רויטער הילף
און צענטראַלע פון די פּאַטראָנאַטן
איבער די פּאָליטישע אַרעסטירטע
אין פּוילן. — פּאַריז 1936.
הילע געצייכנט — ה. גלעב

**אַלע פּראָלעטאַרישע מאַרטירער, געפאַלענע אין קאַמף קעגן פּוילישן פאַשיזם — מיט קאָוועד געווידמעט**

אַלע אַרבעטער, פּויערים און אַנטיפאַשיסטן, געדרוידעפּטע און געמישפּעטע דורך דער קאַפּיטאַליסטיש-פאַשיסטישער קלאסן-יוסטיץ, אַלע די, וועלכע געפינען זיך און האָבן זיך געפונען, אונטער די טפיסע-קראַטן, שטעכיקן דראָט אין די קאָנצענטראַציע-לאַגערן;

אַלע מארטירער, פיזיש פאַרווונדעטע, צוקאַלעטשעטע פון די פאשיס-טישע איבערפאלן און פייניקונגען;

אַלע יעסוימים, אַלמאָנעס פון די געפאלענע פּראָלעטאַרישע קעמפער אין די שלאַכטן קעגן פאַשיזם אויף די גאַסן, אין די טפיסעס און אין די קאָנצענטראציע-לאגערן

— מיין פּראָלעטאַרישן גרוס.

ד אָ ו י ד  ק ו ט נ ע ר.

# פאָרוואָרט

טעראָר קעגן דער רעוו. באַוועגונג אין פוילן געהער ניט צו די זעלטענע דערשיינונגען אין דעם איצטיקן פוילן — פאַרקערט, טעראָר דאָס איז איצט דאָס טעגלעכע ברויט. איבערפאַלן ארבעטער - אינסטיטוציעס, שלאָגן ארבעטער און פויערים, מאָרדן רעוו. טוער און ארבעטער, פאַרמישפּעטן פאַרן מינדסטן כשאַד פון קאָמוניסטישער טעטיקייט אויף לאַנגע יאָרן טפיסע, קאַטעוועון פּאָליטישע ארעסטירטע אין די טורמעס, ניט צולאָזן קיין עסן, קיין ביכער, קיין שרייב-מאַטעריאַלן, דאָס זענען באַקאַנטע מיטלען מיט וועלכע ס'באַנוצט זיך די פאַשיסטישע רעגירונג.

קאַרטוז-בערעזע. דאָס איז די „קרוין“ פון פאַשיסטן-טעראָר אין פוילן. אויב ביזן שאַפן דעם קאָנצענטראַציע - לאַגער האָט זיך די פוילישע קלאַסן-יוסטיץ באַמיט צו מאַכן דעם איינדרוק פון א „שיין פון גערעכטיקייט“ דורכן קלוימערשטן צושטעלן „באַווייזן“ פון „שולדיקייט“ פון דעם געגעבענעם פאַרמישפּעטן, האָט מיטן פאַרוווירקלעכן דעם דעקרעט וועגן איינפירן אין פוילן קאָנצענטראַציע - לאַגערן — די אדמיניסטראַציע - מאַכט באַקומען אויפגעבונדענע הענט לעגאַבע יעדן בירגער.

דער ציל פון שאַפן דעם קאָנצענטראַציע-לאַגער אין קאַרטוז-בערעזע איז אונטערצוברעכן דורך אייגענע און אויסגעבאָרגטע היטלערישע מעטאָדן דעם פיזישן און מאָראַלישן צושטאַנד פון די געפאַנגענע אין קאַרטוז-בערעזע. ס'איז גענוג צו דערמאָנען אז אלס „גייסטיקער פאָטער“ פון קאָנצענטראַציע-לאַגער איז דורך דער רעגירונג באַשטימט געוואָרן דער באַקאַנטער סאַדיסט פּולקאָווניק קאָסטעק ביערנאַצקי, וועלכער האָט זיך שוין טרויעריק באַקאַנט געמאַכט אין פוילן און אין אויסלאַנד מיט זיין פייניקן די „בריסקער ארעסטירטע“ אין יאָר 1930. — „בריסק“ איז נאָר געוועזן א קליינער „פאָרשפּיל“ צום פאַקטישן פוילישן קאָנצענטראַציע-לאַגער אין בערעזע.

די גרויסע נויט, דעם הונגער און די ארבעטסלאָזיקייט אין פוילן, דעם אומאויפהערלעכן דראַנג פון די אונטערדריקטע נאַציאָנאַלע מינדערהייטן צו א פריי, זעלבסטשטענדיק לעבן, דעם אומבויגזאַמען קאַמף פון פּראָלעטאַריאַט, פונם פויערטום און פון די ברייטע, ארבעטנדיקע מאַסן קעגן דעם פאַשיזם פאַר די טאָג-טעגלעכע אינטערעסן און פאַר זייער אנטגילטיקער באַפרייונג — וויל דער פאַשיזם „לעזן“ דורך שטאַנד-געריכטן, נייע קאָנסטיטוציע, מיטן פאַרשאַרפטן טעראָר קעגן דער אנטיפאַשיסטישער באַוועגונג, מיט פּאָגראָמען, אנטיסעמיטיזם און ראַסן-האַס, און דורך קאַרטוז-בערעזע, וואָס דאַרף זיין דער „טורעם פון פּאַכאַד-געשפּענסט“ פאַר דער רעוואָלוציאָנערער ארבעטער-באַוועגונג און פאַר די אונטערדריקטע נאַציאָנאַלע מינדערהייטן אין פוילן.

די שוין פון לאַנג דורכן פּראָלעטאַריאַט און פויערטום פאַרניכטעטע צארישע הערשאַפט האָט אין זיינער צייט מיט סיביר, קאַטאָרגע, טפיסעס און

וושאַנדאַרמען געוואַלט "לעזן„ דעם רעוואָלוציאָנערן קאַמף פון דעם רוסישן פּראָלעטאַריאַט און פון די אונטערדריקטע פעלקער.

אָבער דער צאַרישער הערשאַפט, פאַרמישפּעט צום אונטערגאַנג דורך דער געשיכטע און דורכן רעוו. פּראָלעטאַרישן קאַמף, האָבן די „טעראָר-רעצעפּטן" נישט געראַטעוועט. די זעלבע פּערספּעקטיוון דערוואַרט אויך די צאַרישע נאָכפאָלגער, די היינטיקע פאַשיסטישע הערשער אין פּוילן.

בערעזע — דאָס זענען מיטלאַלטערליכע אינקוויזיציע-מעטאָדן, אָנגעווענדעט דורך דעם פאַשיזם — די ברוטאַלסטע הערשאַפט פון דער בורזשואַזיע.

די באַצייכענונג „מיטלאַלטערלעכע אינקוויזיציע-מעטאָדן", איז צו בלאָס צו קענען אויסדריקן די פּייניקונגען פון פּוילישן פאַשיזם. ווען די מיטלאַלטערלעכע אינקוויזיטאָרן וואָלטן אויפגעשטאַנען פון זייערע קוואָרים וואָלטן זיי אויסגעזען ווי "הומאַניטאַרע„ מענטשן אין פאַרגלייך מיט די היינטצייטיקע פאַשיסטישע סאַדיסטן...

בערעזע, דאָס איז אַ פּערמאַנענטע טאָרטור - פאַציפיקאַציע קעגן די רעוואָלוציאָנערע טוער צווישן די ברייטסטע ארבעטנדיקע מאַסן פון שטאָט און דאָרף און קעגן אַנטיפאַשיסטן.

בערעזע, וועלכע געפינט זיך אויף דער ווייסרוסישער ערד איז גלייכצייטיק אַ טעראָר-פונקט פון פּוילישן פאַשיזם קעגן דער ווייס-רוסישער, פּויערישער און ארבעטער באַפעלקערונג.

פאַרן פאַשיזם איז נישט בלויז וויכטיק די צאָל געפאַנגענע, וועלכע געפינט זיך אין בערעזער לאַגער — דער עצעם פאַקט פון עקזיסטענץ פון בערעזע איז פאַר אים נויטיק.

אַזוי ווי דער טאַליען מיט דער פּעטליע אין האַנט, די צענדליקער יאָר שווערע טפיסע, די פּערמאַנענטע איבערפאַלן און פאַציפיקאַציעס האָבן דעם רעוואָלוציאָנערן באַוווסטזיין און קאַמפסגרייטקייט פון אַרבעטער-קלאַס אין פּוילן נישט געבראָכן — דעם זעלבן רעזולטאַט האָט אויך בערעזע.

דער ציל פון דער בראָשור איז באַקאַנט צו מאַכן די ברייטסטע פּראָלעטאַרישע און ארבעטנדיקע מאַסן פון שטאָט און דאָרף און אַלע אַנטיפאַשיסטן מיט דער טאָרטור - מאַרטיראָלאָגיע וואָס די געפאַנגענע האָבן אויסגעטראָגן און טראָגן אויס אין בערעזע.

די בראָשור דאַרף מיטהעלפן דעם ברייטן פאָלקס-פראָנט אין קאַמף קעגן פאַשיזם. פאַר א פולשטענדיקער באַפרייונג פון פּאָליטישע ארעסטירטע און פאַר דער ליקווידירונג פון קאַרטוז-בערעזע.

ד א וו י ד  ק ו ט נ ע ר.

# דער קאָנצענטראציע - לאגער

אויפן דרייהונדערטסטן קילאָמעטער פון וואַרשע, אויף פּאָלעסיע, ארומגערינגלט מיט ברייטע פעלדער און אָרעמע ווייסרוסישע פּויערישע כאַטעס, איינגעטונקען אין טיפע בלאָטעס, געפינט זיך דאָס שטעטל קאַרטוז־בערעזע.

אַ גוץ אַ קליינע צאָל פּאָלאַקן - „אָסאַדניקעס", וועלכע דער פּאַשיזם האָט באַזעצט קעדיי מיטצוהעלפן פאַרפעסטיקן די פּוילישע אָקופּאַציע אויף ווייסרוסלאַנד, באַשטייט די באַפעלקערונג פון ווייסרוסן און יידן.

דאָס שטעטל איז אַ קליינס און אַ אָרעמס. די העכסטע הייזער פון שטעטל דאָס זענען די פּראַוואָסלאַוונע און קאַטוילישע קלויסטערס, וועמענס ציילעם־שפּיצן שטעקן ארויס פון די הילצערנע הייזלעך באַדעקט מיט שינד'ל און שטרוי־דעכער.

די ערד אויף פּאָלעסיע איז אַ נאַסע, אַ בלאָטיקע, אַ ליימיקע, אַדורכגעוויקט מיט זומפּן, ווילדע געוויקסן. אינם פריען הארבסט ווערט דאָס שטעטל איינגעהילט אין פייכטע, גדיכטע נעפּלען, עס גיסן נאָכדעם לאַנגע רעגנס, וואָס מאַכן נאָך נאַסער די אַזוי אויך פייכטע פּאָלעסיער ערד.

דאָס איז דאָס אָרט וואָס דער פּוילישער פּאַשיזם האָט אויסגעקליבן פאַרן ערשטן קאָנצענטראציע לאגער אין פוילן

אויפן אָרט פון לאגער זענען געווען מיליטערישע קאַזאַרמעס וועלכע שטאַמען נאָך פון די צאַרישע צייטן.

דער לאגער געפינט זיך אויפן סאַמע גרענעץ פון שטעטל. און פאַרנעמט אַ ריזיקן שטעטל פון ביידע זייטן שאָסיי, ארומגעצוימט מיט אַ גרויסן הילצערנעם טונקעלן פּאַרקאַן אָפּגעטיילט מיט אַ לאַנגן ברייטן טיפן גרוב (ראָוו) ארומגעצוימט מיט דראָט.

אויף דער רעכטער זייט פון שאָסיי, אין געביידעס, וועלכע געפינען זיך אין אַ פּאַרק פאַרצוימט מיט אַ פּאַרקן, איז דאָס וווין־אָרט פון לאַגער־אינספּעקטאָר צוזאַמען מיט די העכערע באַאַמטע פון לאַגער. אויף דער לינקער זייט פון שאָסיי געפינט זיך דער לאַגער גופא.

אין לאַגער זענען פאַראַן צוויי ריזיקע קאַזאַרמע־געביידעס. יעדע האַלט 2 שטאָק די הויך און פאַרמאָגט צו 34 פענסטער אין די לענג. איין געביידע איז פאַרנומען דורך דער פּאָליציי פון לאַגער.

אין דער צווייטער געביידע „דער ארעסטאַנטן־בלאָק", ארומגענומען מיט אַ ברייטן שטעכיק־דראָטענעם פּאַרקאַן, באַוואַכט אומאויפהערלעך פון פּאָליציי — געפינען זיך די געפאַנגענע. אין די קאַמערן זענען די פענסטער פאַרקלאַפּט מיט ברעטער. אַכוץ אַ לאַנגער טיש וואָס דינט אוועקצושטעלן די "מאַנאַשקעס„ (מיליטערישע שיסל) איז קיין אנדער מעבל נישט פאַראַן. קיין קאַנאַליזאַציע איז אין "ארעסטאַנטן בלאָק„ נישטאָ. וואַסער ברענגט מען אין שמוציקע פעסער פון אַ ווייטן מערכעק.

אַכוץ די געביידעס געפינען זיך אויפן שעטעך פון לאגער 2 גרויסע פלומפן וואָס ווערן באַוועגט דורך "קעראַטן". אַ פערד שטאַל, אַ קוזשנע, אַ באָד. אַ אָפּגעזונדערטע געביידע פאַרן "קאַרצער", אַ הייזל פאַר שפּיר-הינט "סטאָדאָלעס", אַ גרויסע קאַמער אַריינצושטעלן וועגן.

אַ באַזונדער אָרט איז פאַראַן אַוועקצולייגן די אַרבעט מאַכשירים: לאָפּאַטעס, קילאָפּאַן, "אוביאַטשעס", "נאָשעס", לייסטן, שטריק, "גראַביעס", בעזעמער, דרענגער, זעגן, העק און האַמערס.

אויפן שעטעך געפינען זיך אויך כורוועס, פונדאַמענטן, גריבער פון צעשטערטע קאַזאַרמע מויערן. די ליידיקע שטיקער פעלד ווערן אויסגענוצט פאַר היי און סעדער.

ס'זענען אויך פאַראַן אין לאַגער ספּעציעלע איינגעריכטעטע פונקטן, אַרומגענומען מיט שטעכיקע דראָט, אַוועקצושטעלן פּולעמיאָטן, האַרמאַטן, ווען ס'וועט זיין נויטיק אין פאַל פון אַ בונט פון די געפאַנגענע.

דער שאָסיי פאַרן לאַגער איז אין גרעסטן טייל אָפּגעשלאָסן פאַר דער ציווילער באַפעלקערונג. אַפילו שווער אָנגעלאָדענע וועגן מיט קלעצער פאַרן "טאַרטאַק", וועלכער געפינט זיך נישט ווייט פון לאַגער, לאָזט מען נישט אַדורך. די גאַנצע שטעטלשע באַפעלקערונג, וועלכע וווינט אַרום לאַגער, איז טעראָריזירט. ס'איז אַרויס אַ ספּעציעלע פאַראָרדנונג פון פּאָלעסיער וואָיעוואָדע אז פאַר אָנרירן די דראָט-פאַרצוימונגען, טוען אַ בליק אין לאַגער אַריין אָדער אויף אַ געפאַנגענעם — דראָט טפיסע, געלט-שטראָפן און אויך אַריינגעוואָרפן צו ווערן אין קאָנצענטראַציע-לאַגער...

די וואַך אין לאַגער האַלט'אַ גרויסער פּאָליציי - אַפּאַראַט (אויף יעדן 2-טן געפאַנגענעם 1 פּאָליציאַנט). די פּאָליציאַנטן באַשטייען פון יונגע מענטשן וואָס האָבן געענדיקט די פּאָליציי-שולע. זייער ערשטן פּראַקטישן עקזאַמען, פון טריי דינען דעם פּוילישן פאַשיזם באַלייגן זיי אין... קאָנצענטראַציע-לאַגער.

הויפּט - קאָמאַנדאַנט פון לאַגער איז פּולקאָווניק קאַסטעק ביערנאַצקי, קאָמאַנדאַנט אויפן אָרט איז אַ פּאָליציי - אינספּעקטאָר. דאָס ערשטע האַלבע יאָר איז געוועזן דער פּויזנער פּאָליציי-קאָמענדאַנט באָלעסלאַוו גרעפנער. אַכוצן אינגאַכדעם דער לעמבערגער פּאָליציי-אינספּעקטאָר יוזעף קאַמאַלאַ. אַכוצן אינספּעקטאָר איז פאַראַן אַ קאָמיסאַר אַלס פאַרטרעטער פון אינספּעקטאָר און אַ קאָמענדאַנט איבער דער פּאָליציי - וואַך דער אַספּיראַנט פּיאָטר יאַרזשעצקי. פאַר דעם מינדעסטן נישט אויספירן גענוי און פּינקטלעך קיין באַפעל, אָדער לייכטער זיך צו באַציען צו אַ געפאַנגענעם, באַשטראָפט דער אַספּיראַנט די פּאָליציאַנטן שטרענג. די פּאָליציאַנטן זענען אַרומגערינגלט מיט אַן אייזערנער דיסציפּלין — אַרויסגיין פון לאַ'ער אין שטעטל אַריין קענען זיי נאָר דורך אַ ספּעציעלער שריפטלעכער דערלויבעניש (פּשעפּוסטקע).

אַכוץ דער אינערלעכער פּאָליציי-וואַך איז פאַראַן אַ אויסערלעכע לאַגער-וואַך וואָס באַשטייט פון איבערגעטוענע אין ציווילע קליידער פּאָליציי - אַגענטן ("שפּיצלעס") מיט מונדירטע פּאָליציאַנטן. זיי האָבן וואַך ביים באַן און אין שטעטל. באַווייזט זיך ביים באַן אַן אומבאַקאַנטער מענטש, ווערט ער גלייך פאַרהאַלטן און אונטער אַ פּאָליציי-וואַך אָפּגעפירט אין קאָמיסאַריאַט. קומען קרוווים פון די געפאַנגענע ווערן זיי העכסטנס צוגעלאָזן צום אינספּעקטאָר באַוואַכט און אָפּגעפירט צום באַן.

קיין בערעזע ווערן געשיקט 3 מינים פּאָליטישע פאַרברעכער:

1) אוקראַינישע נאַציאָנאַליסטן (או. אָ. נ., טיילווייז „אונרא“);

2) קאָמוניסטן און אַנטיפאַשיסטן (צווישן די קאָמוניסטן און אַנטיפאַשיסטן זענען פאַראַן 4 פעלקער: פּאָלאַקן, יידן, אוקראַינער און ווייסרוסן);

3) פּוילישע נאַציאָנאַליסטן, הויפּטזעכלעך פון נ. א. ר. און איינצעלנע פון דער אַלטער ענדעקישער פּאַרטיי.

די לעצטע ווערן געשיקט קיין בערעזע: אַכוץ, צוליב קליקן-רייבונגען אינם פאַשיסטישן לאַגער גופא און טיילווייזע סאָציאַלע מאָטיוון, אויך צוליב דעם אַז זיי זאָלן דינען ווי אַ דעק-מאַנטל פאַרן פּוילישן פאַשיזם לעגאַבע פּוילן אין אויסלאַנד.

— נאַט זעט! מיר פאַרפאָלגן נישט בלויז קיין קאָמוניסטן און די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן וועלכע שטרעבן "אָפּצורייסן„ שטיקער פון אונזער לאַנד. — די "גערעכטיקייט„ פאַרמיידט אַפילע נישט די אייגענע "נאַראָדאָווצעס“, אויב זיי זינדיקן קעגן דער... סאַנאַציע-קליקע.

דער צוזאַמענשטעל אין לאַגער איז אַזאַ:

די גרעסטע מערהייט בילדן די אוקראַינישע נאַציאָנאַליסטן, אויפן צווייטן אָרט זענען קאָמוניסטן און אַנטיפאַשיסטן, דאָס דריטע אָרט פאַרנעמען די פּוילישע נאַציאָנאַליסטן. ס'זענען פאַראַן צייטן (אָפּטמאָל לאַנגע כאַדאָשים) אַז אין בערעזע געפינען זיך בלויז די ערשטע צוויי פּאָליטישע ריכטונגען אָן פּוילישע נאַציאָנאַליסטן.

דער אויפן ווי אַזוי דער פּוילישער פאַשיזם פאַנגט מענטשן קיין בערעזע, איז אַ גאַנץ אָריגינעלער. דער פּאָליטיש נישט „קאָשערער“ בירגער ווערט איבערגעפאַלן פון פּאָליציי-אַגענטן אין גאַס אָדער אין זיין וווינונג. ער ווערט אָפּגעפירט אין פּאָליציי. מ'פאַרפירט נישט קיין שום אויספאָרשונג. מ'דערלאַנגט אים אונטערצושרייבן` אַ בריוול פון וואָיעוואָדע אַז דער באַטרעפנדער ווערט אָנערקענט פאַר „שעדלעך צו דערהאַלטן די רו“ און מען פירט אים אָפּ אין קאָנצענטראַציע“לאַגער. דאָרטן דערלאַנגט מען אים אַ שטיקל פּאַפּיר אונטערצושרייבן אַז ער איז פאַרהאַלטן אויף 3 כאַדאָשים.

ווען ס'ענדיקט זיך דער ערשטער טערמין דערלאַנגט מען דעם געפאַנגענעם אויפסניי אַ פאַרלענגערונג אויף „נייע“ 3 כאַדאָשים. און אַזוי קעסיידער. פּונקט ווי דאָס אַרעסטירן איז אויך די באַפרייונג פון קאָנצענטראַציע-לאַ׳ער אַ פּלוצלונגדיקע — זי הענגט אָפּ פון ווילן פון אינערן-מיניסטעריום.

# „מיר גלויבן נישט אין קיין געטער“ !

(ערשטער צוזאַמענטרעף צווישן די קאָמוניסטישע און אַנטי-פאַשיסטישע געפאַנגענע אין בערעזע)

זומער 1934. די ערשטע וואָכן אין פּוילישן קאָנצענטראַציע-לאַגער: אַ טומל, אַ גערודער. יעדן טאָג ברענגט מען נייע געפאַנגענע, געשמידטע אין קייטן, באַוואַקסענע מיט בערד, הונגעריקע, ברודיקע, פון לאַנגע נעכט אַרומוואַלגערן זיך איבער די שמוציקע אַרעסטן און עטאַפּ-פּונקטן. און צום סוף — אין סכוירע-וואַגאַנען געשלעפּט ווי בעהיימעס קיין בערעזע. די מענטשן זענען

געוועזן אין פֿאַרשיידענעם עלטער, פֿון פֿאַרשיידענעם אויסזען, יונגע און **אַלטע.**

מ׳האָט געבראַכט אוקראַינער, ווייסרוסן, פּאָלאַקן, יידן. אַ געמיש פֿון פֿאַרשיידענע שפּראַכן פֿון פֿאַרשיידענע מינים פֿון אידעאָלאָגיעס. פֿון פּראָפֿעסיעס: אַרבעטער, פּויערים, זשורנאַליסטן, אַדוואָקאַטן, שרייבער, פּאָעטן, אינזשיניערן, דאָקטוירים, כעמיקער, סטודענטן און לערער.

די אַרעסט-פּונקטן אין אַלע ווינקלען פֿון לאַנד זענען געוועזן פֿול מיט פּאָליטיש - פֿאַרדעכטיקע אַרעסטירטע. פֿאַר דער רעגירונג פֿון פּרעמיער קאָזלאָווסקי איז דער שאָס אויפֿן אינערן-מיניסטער פּיעראַצקי אויסגענוצט געוואָרן ווי אַ זעלטענע געלעגנהייט בלוטיק זיך אָפּצורעכענען מיט די קעגנער, אַדורכצופֿירן „פּאַציפֿיקאַציעס“ צו פֿאַרפֿירן אַ ניי ביסל פּראָצעסן. און הויפּטזעכלעך — צו עפֿענען דעם שוין פֿון לאַנג צוגעגרייטן קאָנצענטראַציע-לאַגער.

מ׳האָט געבראַכט קיין בערעזע מענטשן פֿון וואַרשע און פֿון קראָקע, פֿון לעמבערג און פֿון נאָוואָגראָדעק, פֿון לאָדז און פֿון קאָלאָמיי, פֿון בראָד און פֿון טשענסטאָכאָוו, פֿון לוצק און פֿון פּויזן און פֿון ווו נישט?

דער קאָמוניסטישער און אַנטיפֿאַשיסטישער צוזאַמענשטעל אינם לאַגער איז געוועזן אַזאַ אַז פֿון יעדן געגנט אין לאַנד האָט מען געבראַכט צו איינצלנע מענטשן. זעלטן האָט זיך איינער מיטן צווייטן געקענט. דערצו איז נאָך צוגעקומען דער שרעקלעכער טעראָר. די שוועריקייטן זיך צו פֿאַרשטענדיקן אַזוי, אַז אין די ערשטע וואָכן איז געוועזן אוממעגלעך פֿעסטצושטעלן ווער און וויפֿיל קאָמוניסטן און אַנטיפֿאַשיסטן געפֿינען זיך אין בערעזע:

אין די ערשטע וואָכן איז די אַדמיניסטראַציע פֿון לאַגער געוועזן ווי צוטומלט. די אַרבעט איז נאָך נישט געוועזן אָרגאַניזירט. מ׳איז געשלאָפֿן אויף דער נאַקעטער אַספֿאַלט פּאָדלאָגע. געגעסן האָט מען אויף דער ערד.

די איינציקע פּראַקטיק פֿון דער פּאָליציי איז באַשטאַנען אין מוירעדיק שלאָגן די געפֿאַנגענע מיטן גומי-שטעקן.

דער אינספּעקטאָר באָלעסלאַוו גרעפּנער האָט געאַרבעט פֿון פֿאַרטאָג ביז אין שפּעטן אָוונט און רערפֿינדן נייע סאַדיסטישע מעטאָדן, צו קענען וואָס מער און בעסער פּייניקן די געפֿאַנגענע.

דער גייסטיקער פֿאָטער און הויפּט-קאָמענדאַנט פֿון לאַגער, פּולקאָווניק קאַסטעק ביערנאַצקי, איז יעדע פּאָר טעג געקומען אין לאַגער און קאָנטראָלירט צו דער טעראָר און סאַדיסטישע פּייניקונגען ווערן גוט אַדורכגעפֿירט...

אויף דער 3-טער וואָך האָט גרעפּנער דערקלערט, אַז אַלע זונטיק וועלן אַלע געפֿאַנגענע מוזן גיין אין קלויסטער.

„דאָ אין בערעזע — האָט גרעפּנער געזאָגט — אָנערקענט מען נישט קיין שום איבערצייגונגען.“ „טפֿילע טון אין קלויסטער מוזן אַלע געפֿאַנגענע אַבוע יידן, וועלכע געהערן נישט צום קאַטוילישן גלויבן“.

דערפֿאַר האָבן די „גאָטלאָזע“ יידן געמוזט אַרבעטן ביים אויפֿשטעלן דעם „אַלטאַר“ און ווען די געפֿאַנגענע האָבן זיך געפֿונען אין קלויסטער האָט מען די יידן איבערגעגעבן דעם פּאָליציאַנט פּאַסאַווסקי („מוכאַ“) וועלכער האָט די גאַנצע צייט פֿון דער טפֿילע אויסגעפֿירט מיט די יידן אַ ספּעציעלע פּייניקונגס-„גימנאַסטיק“.

מיט אַ וואָך שפּעטער, אין אַ זונטיק, פֿאַרן גיין אין קלויסטער, האָט

גרעסנער דערקלערט די געפאנגענע, אז ווער ס'וועט זיך מעלדן אלס „נישט-גלויביקער" וועט באפרייט ווערן פון צו גיין אין קלויסטער.

דאמאלט האבן די געפאנגענע, וועלכע זענען געשיקט געווארן קיין בערעזע פאר קאמוניסטישער און אנטיפאשיסטישער טעטיקייט דערקלערט: „מיר גלויבן נישט אין קיין געטער"! ארויסגעטרעטן פון דער אלגעמיינער רייע און זיך געשטעלט אין א באזונדערע פריידענקער רייע.

ערש דעמאלט האט יעדער קאמוניסט און אנטיפאשיסט דערזען ווער ס'איז זיין באוועה. אין דער רייע פון די פריידענקער איז געווען א געמיש פון אוקראינער, ווייסרוסן, פאלאקן און יידן. יעדער האט מיט ווארעמע בליקן געקוקט אויף זיין ביז איצטיקן אומבאקאנטן באוועה, וועלכער ליידט פאר דער זעלבער אידעע. אויפן הארצן איז געווארן לייכטער און מונטערער.

די אדמיניסטראציע פון לאגער האט די „גאטלאזע" געפאנגענע שטארקער געפייניקט. אין די זונטיקס האבן זיי געמוזט אויספירן פארשידענע ארבעטן. אפטמאל אין וואכנדיקע טעג האבן זיי געמוזט ארבעטן אפילו דאמאלט ווען די גלויביקע האבן געענדיקט די ארבעט אבער קיינער איז צוליב דעם נישט געווארן קיין גלויביקער...

יעדן זונטיק ווען די נאציאנאליסטן זענען אוועק „גאט בעטן" איז פאר דער וואך פאליציאנטן געווארן קלאר אז די וואס זענען איבערגעבליבן זענען דאך „פריידענקער" און בעמיילע — קאמוניסטן.

נו, האבן זיך אנגעהויבן נייע פייניקונגען, שווערע ארבעטן, און פארשיידענע פראגן אויף רעליגיעזע טעמעס.

איינמאל האט א פאליציאנט געפרעגט דעם אוקראינישן פויער מיקיטשוק.

— דו גלויבסט אין גאט?

— ניין, — האט מיקיטשוק דרייסט געענטפערט.

— טא אין וועמען גלייבסטו יא ? — האט דער פאליציאנט ווייטער געפרעגט.

— איך גלויב אין מיינע אייגענע קויכעס!

— אזוי! — האט דער פאליציאנט זיך געוואונדערט, — דו ביסט א קלוגער! דו גלויבסט אין דיינע קויכעס! דאס הייסט, דו האסט קויעך! טא מאך: „פאדני"! „פאווסטאן"! „פאלן"! „אויפשטיין"!

און דער אוקראינישער פויער מיקיטשיק פון א דערפל אין וואלין איז „געפאלן", ער איז אבער אויך אויפגעשטאנען...

## א טאג בערעזע

אין בערעזע מוז שטענדיק דאס אויער פון געפאנגענעם זיין אנגעשטעלט אויף צו דערהערן דעם „פייף". א פייף אין בערעזע — דאס באדייט א באפעל.

די טאליאנים האבן איינגעפירט אנשטאט צו מעלדן א באפעל מינדלעך — טוען זיי דאס דורך א פייף.

אז מען דערהערט א ערשטן פייף. דאס באדייט „באטשנאשטש". דאמאלט מוזן אלע געפאנגענע, אן אונטערשייד וואס ער טוט, צי ער געפינט זיך אויפן שאסיי ביי דער ארבעט, טראגט „נאשעס" ערד, שטופט שווערע,

אָנגעלאָרענע וועגן, צי ער געפינט זיך אין קאַמער, ליגט אויף דער פּאָדלאָגע, צי ער רוימט, אָדער טוט אַן אַנדערע אַרבעט, — איבעררייסן זיין אַרבעט און מאָמענטאַל זיך שטעלן אויף „באַטשנאָשטש".

4 ביינאַכט (אָפּטמאָל 3 א זייגער) ס'הערט זיך אַ פייף. און דער געהע-נעם-טאָג אויף דער פּוילישער קאַטאָרגע אין בערעזע פאַנגט זיך אָן. ווי נאָר ס'דערהערט זיך דער פייף, מוזן אַלע געפאַנגענע זיך אויפרייסן פון שלאָף, שנעל זיך אַראָפּגליטשן פון די שטרוי-זעק און זיך אויסשטעלן אין איין לאַנגע רייע אויף „באַטשנאָשטש".

מיט אַ פאַרשייטן אימפּעט, פּראַלן זיך אויף די טירן פון די קאַמערן, ס'באַווייזט זיך די פּאָליציי-וואַך מיטן קאָמענדאַנט בעראָש. ס'הערט זיך אַ באַפעל.

„אָדליטש" ! (אָפּציילן).

טרעפט, אַז אַ געפאַנגענער איז פאַרשלאָפן און ער געדענקט נישט אַרויס-צוזאָגן דעם ריכטיקן נומער וואָס ס'פאַלט אויף אים אויס — דאַן, אַחוץ באַ-ליידיקונגען פון ערגסטן מין — מוז ער אויספירן אין די וועש, אַ צען פופצן מאָל „פּאַדני"! „פּאָווסטאַן"!

אָפּגעציילט די געפאַנגענע, הערט זיך אַ צווייטער פייף, א צייכן אַז מ'דאַרף איינלייגן דאָס לייכעך מיט דער קאָלדרע אין אַ פּירקאַנטיקע „קאַסט-קע", אויסציען דעם שטרוי-זאַק גלייך ווי אַ ברעט.

מ'באַווייזט נישט אין אָרדנונג צו ברענגען דאָס געלעגער — שוין שניידט דורך די לופט א דריטער פייף — אַ סימען מ'דאַרף זיך אָנטוען. ווי היישעריקן פאַלן אַרויס די געפאַנגענע פון די קאַמערן און וואַרפן זיך אין קאָ-רידאָר צו די בענק, וווּ ס'ליגן די מאַלבושים. מ'וויל וואָס פריער כאַפּן די מאַלבושים, ווייל אויף אָנצוטוען גיט מען עטלעכע סעקונדן. ביים אומקערן זיך אין קאַמער מיטן פּעקל מאַלבושים אין די הענט, איז א גרויסער גע-דראַנג. יעדער וויל וואָס פריער צוקומען צו זיין שטרוי-זאַק. מיט אַ אויטאָ-מאַטישער שנעלקייט באַוועגט יעדער געפאַנגענער מיט די הענט און ציט אויף זיך אַרויף די שיך און מאַלבושים. דערביי איז פאַרבאָטן אָנצושפּאַרן דעם קערפּער אין דער „פּריטשע", אָדער פענסטער. דאָס איינציקע אָרט פון „באַסוועם" זיך אָנטוען איז אויף דער פּאָדלאָגע... צוליב דעם קאַרגן ליכט אין קאַמער דערזעט מען נישט אַדורכצוציען די שניר-בענדלעך פון די שיך. באַלד הערט זיך דער פערטער פייף באַגלייט מיטן באַפעל „אַרויסצולויפן צום וואַשן" !

און אַלע געפאַנגענע, א טייל נאָך נישט קיין אָנגעטוענע, געטריבן ווי פון אַן ערד - ציטערניש, מיט די מאַנאַשקעס אין די הענט, שיטן זיך אַרויס פון די קאַמערן ווי קאַרטאָפל פון א זאַק. אַראָפּ אויפן קאַ-זאַרמע הויף, אויפן הויף שטעלן זיך אַלע אויס אין 2 רייען. ס'דערהערט זיך ווידער אַ פייף. אַלע געפאַנגענע לויפן צו די פעסלעך אָנצוגיסן וואַסער. מ'באַווייזט זיך נישט אָפּצוואַשן — ווידער אַ פייף. אויפסניי זיך אויס-שטעלן אין מיליטערישע רייען. ווידער אַמאָל אַ פייף. די געפאַנגענע מוזן לויפן גאַלאָפּ אין די קאַמערן אַריין. און איידער מען באַווייזט אַוועק צו לייגן דאָס האַנטיכל — אויפסניי א פייף און שוין מוז מען לויפן אַראָפּ אין פאַר-טער, אין קיך, עסן „פרישטיק". ס'דויערט נישט קיין צען מינוט און אַלע געפאַנגענע ווערן דורך אַ נייעם פייף צוריק אַרויפגעטריבן אין די קאַמערן. יעדער מוז „פאַריכטן" זיין שטרוי-זאַק און „קאַסטקע". באַלד ווערט מען

אַרויסגעלאָזט אין קלאָזעט. מ'באַווייזט זיך נישט אומצוקוקן אין קאַמער — א נייער פייף. א באַפעל. „אַרויסלויפן אויפן הויף צו דער פרימאָרגן-זביורקע“.

דער זייגער איז נאָך נישט קיין גאַנצע 5 און די געפאַנגענע זענען שוין אַזויפיל מאָל געטריבן און געפייניקט געוואָרן.

ס'הייבט זיך אָן די צערעמאָניע מיט מיליטערישע מושטירונג מיט „באַטשנאַשטש“. באַלד קומט פאַר דער פרימאָרגן „ראַפּאָרט“ מיט שטראָפונגען און ארבעט פאַרטיילונג.

דער זייגער איז 5.20 פאַרטאָג הייבט זיך אָן די „גימנאַסטיק“. ס'איז נאָך נישט קיין 6 א זייגער די געפאַנגענע פילן זיך שוין גוט פאַרמאַטערט. פון דעם „ספּאָרט“ און לויפעניש הייבט זיך ערשט אָן דער ארבעטס-טאָג. 11.30 איז מיטאָג-איבערייס. ביז די געפאַנגענע קומען אין די קאַמערן אריין, איז שוין דער זייגער 12. קליינע געציילטע מינוטן ווערט געגעבן אויף אָפּ-צועסן דאס „מיטאָג“. אָפּגעוואַשן די קיילעם, מ'באַווייזט נישט אָפּציעטע-מען, שוין הערט זיך דאָס פייפל, באַגלייט מיטן פּאָליציישן שטרענגן באַפעל:

„גרייטן זיך צו דער ארבעט“!

6 א זייגער (אָפּטמאָל 7, 8 אָוונט) ווערן די געפאַנגענע צוריקגעבראַכט פון דער ארבעט. ווייטער א לויפעניש, ווייטער א יאָגעניש. ווייטער „באַטש-נאַשטש“, ווייטער פייניקונגען.

— פאַלן! אויפשטיין!

—זיצן! פאַלן!

ביז ס'קומט דאָס „אויסגעבאַלעמטע“... אָוונט פייפל:

א באַפעל :

— אויסטועָן די מאַלבושים !

— שטעלן זיך אויף „באַטשנאַשטש“ צום „אַפּעל“ !

— לייגן זיך שלאָפן !

די מידע קערפּערס פון די געפאַנגענע פאַלן אויף די שטרוי-זעק ווי שווערע קלעצער אונטער דער זעג ...

ס'איז אוועק „א טאָג אין בערעזע“.

## „גימנאַסטיק“

— מאַרשירן!

— איינס! צוויי! דריי! פיר! לינקס!

— איינס! צוויי! איינס! צוויי!

— פאַלן! אויפשטיין!

— „ביעגעם“! מאַרש!

— צוריק!

— נישט אָנרירן מיט די פּיענטעס די ערד!

— שטעלן זיך אויף די שפּיץ פינגער!

— זיצן אין דער לופט!

— אָנכאַפּן מיט די הענט די קנעכלען פון די פיס!

— מאַרשירן!

— איינס! צוויי! לינקס! איינס! צוויי!

— זיצן! אויפשטיין! פאַלן! אויפשטיין!

— לויפן! אויפשטיין! פאַלן! אויפשטיין!

— לויפן! זיצן! לויפן! פאַלן! אויפשטיין!

— אויסציען זיך אויף דער ערד!

— נישט אָנשפּאַרן דעם בויך אויף דער ערד!

— אונטערשפּאַרן דעם קערפּער מיט די הענט!

— איינס! צוויי! איינס! צוויי!

— מיר וועלן אייך, „אָפּערמעס“, אויסלערנען ווי אַזוי צו מאַכן גימ-נאַסטיק!...

— דער אַרעסטירטער נומער 89... „ביעגעם“ צו מיר!

— מאָרגן אינדערפרי שטעל איך דעם אַרעסטירטן צום שטראָף-ראַפּאָרט פאַר נישט אויספירן גוט די גימנאַסטיק.

— מיר, פּאָליציאַנטן, וועלן זיך מיט אייך מעלוכע-פאַרברעכער נישט שפּילן!

— „ביעגעם“ צוריק אין דער ריי!

— ווער לאַכט דאָס דאָרט אין דער ריי?

איך וועל אייך, הינטישע צורעס, ווייזן אַ לאַכן, אַז ס'וועט אייך אָננעמען אַ געוויין...

— „ביעגעם“! מאַרש! איינס! צוויי!

— די קעפּ אין דער הויך!

— הינטיש בלוט, מאַרשירן אַזוי ווי זיי וואָלטן געגאַנגען נאָך אַ לעוואַיע קאַראַוואַן...

— קאַנאַליעס! מיר, פּאָליציאַנטן, וועלן אייך אויסלערנען צו זיין גע-האָרכזאַם!

⁂

אין די פינסטערע, גרויע פּאַרטאָקן, אונטערן רעגן, שניי און בלאָטעס, ווינטן און פרעסט, ווערן טאָג-טעגלעך די געפאַנגענע אַרויסגעטריבן אויפן אַרומגעצוימטן קאַזאַרמע-הויף — צו דער פייניקונגס-גימנאַסטיק. „גימנאַס-טיק“ — דאָס איז אַ טייל פון טאָג-פּראָגראַם אין בערעזע. — דער ציל איז: נאָך פאַרן אָנהויב די קאַטאָרגע-אַרבעט, צו פאַרמאַטערן די געפאַנגענע.

די גימנאַסטיק דויערט אַ שאָ צייט. די דיסציפּלין איז זייער אַ שטרענ־גע און קומט פאַר אונטער דער אויפזיכט פון די העכערע באַאַמטע. געצוווּנגען צו דער גימנאַסטיק ווערן אַלע געפאַנגענע יונגע און אַלטע, געזונטע און קראַנקע. מען מאַכט גימנאַסטיק מיט צעקאַלעטשעטע אייוורים, מיט פאַרבאַנ־דאַזשירטע קעפּ. זעלטן, אַז דער לאַגער־פעלדשער באַפרייט פון גימנאַסטיק אַ געפאַנגענעם — אויב שוין יאָ, איז דאָס נאָר אויף עטלעכע טעג און נאָכדעם מעגן די וווּנדן נאָך נישט זיין פאַרהיילט, טרייבט מען דעם קראַנקן ווידער אויף גימנאַסטיק. די גימנאַסטישע איבונגען דינען אויך, ווי אַ פאַרווייַלונג פאַר די העכערע און נידעריקע פּאָליציי־באַאַמטע און צו זעטיקן זייער קאָמו־ניסטן- און ראַסן־האַס.

מ׳פּאָרט צוזאַמען אַ יידישן קאָמוניסט מיט אַ פּוילישן, אָדער אוקראַינישן נאַציאָנאַליסט.

מ׳באַפעלט אויפהויבן איינער דעם צווייטן אויף די פּלייצעס, פאַרשטענד־לעך, אַז דער פּוילישער „נאַראָדוויעץ״ אָדער אוקראַינישער או. אַ. נ. טוט דאָס גערן, ער טרייסלט גוט אויס דעם קערפּער פון דעם יידישן געפאַנגענעם. די נאַטשאַלסטווע ווילט זיך ביי דעם „נומער״ און די נאַציאָנאַליסטן האָבן דערביי אַ געלעגנהייט אָפּצורעכענען זיך מיט קאָמוניסטן — און אונטער־צוכאַנפענען זיך דער אַדמיניסטראַציע.

ביי דעם ראָצכישן פּאָליציאַנט מאַרקאָווסקי, דער קאָמענדאַנט פון אַרעס־טאַנטן־בלאָק איז דער באַליבטסטער „נומער״ פון דער „גימנאַסטיק״ געווען, ווען ער האָט צוזאַמענגעפּאָרט דעם אויסגעמאַטערטן פּראָלעטאַרישן געפאַנגע־נעם מאָטל זאָלאָטאָוו מיט דעם הויכן, ברייטביינעיקן אוקראַינישן נאַציאָנאַ־ליסט — אַלעקסי. דער לעצטער האָט גוט „אויסגימנאַסטיקירט״ זאָלאָטאָווס פּלייצעס...

•

## מען מעלדעט זיך

אויף יעדן טריט און שריט ווי נור דער געפאַנגענער טוט זיך אַ ריר מוז ער זיך מעלדן צום וואַך פּאָליציאַנט.

ער מוז זיך מעלדן ביי דער אַרבעט. ווען ער דאַרף דערליידיקן דעם נאַ־טירלעכן געברויך. ער מוז זיך מעלדן און בעטן אַ דערלויבעניש, ווען ער דאַרף זיך פאַרבינדן די אויפגעלאָזענע שיך־בענדלעך. ער מוז זיך מעלדן, ווען ער דאַרף אויסטוישן אַ לאָפּאַטע, ווען ס׳איז אים היים און ער וויל אויס־טוען די מאַרינאַרקע, אָדער פאַרקערט, אַז ס׳איז אים קאַלט, אָדער ס׳פאַלט אַ רעגן און ער וויל אָנטוען די מאַרינאַרקע (נישט שטענדיק דערלויבט מען).

די מעלדונגס־פּראָצעדור מוז דער געפאַנגענער אויך אָדורך גיין אַפילו ווען ער געפינט זיך אין דער געביידע פון לאַגער.

ס׳האָט זיך אים אָפּגעריסן אַ קנעפּל, ער דאַרף דאָס צוריק אָנייען. מוז

ער זיך מעלדן. ער דאַרף אַראָפּגיין אין פּאַרטער, אין קיך נאָך אַ בעזעם צו רייניקן דעם קאַמער, מוז ער זיך מעלדן. און אַז ער קערט זיך אום צוריק, מוז ער זיך אויפסניי מעלדן מיט דער גאַנצער אָפּיציעלקייט.

דאָס מעלדן זיך איז נישט אַזוי איינפאַך. דער געפאַנגענער מוז פון קאַמער, אָדער פון דעם אָרט, ווו ער שטייט, מאַרשירן „לויפנדיק" צום וואַך-פּאָליציאַנט. 10 טריט פאַרן פּאָליציאַנט מוז ער בלייבן שטיין אויף „באַטש-נאַשטש" און זיך מעלדן מיט דעם באַשטימטן נוסעך:

— הערן קאָמענדאַנט!

דער אַרעסטירטער דער און דער מעלדעט געהאָרכזאַם, אַז ס'האָט זיך אים אָפּגעריסן אַ קנעפּל פון... די הויזן און בעט געהאָרכזאַם אַ דערלויבעניש צו גיין אין קאַנצעלאַריע נאָך אַ שטיקל פאָדים.

אָדער:

— ה' קאָמענדאַנט!

דער אַרעסטירטער מעלדעט געהאָרכזאַם אַז ער קערט זיך צוריק פון... אָנייען אַ קנעפּל. און בעט געהאָרכזאַם אַ דערלויבעניש אַריינצוגיין אין זיין קאַמער נומער 3.

וויפיל פּאָליציאַנטן דער געפאַנגענער טרעפט אָן אויפן וועג מוז ער זיך שטעלן אויף „באַטשנאַשטש" און יעדן איינעם מעלדן וואָס ס'איז אים געשען, ווו ער וויל גיין און ביי יעדן באַזונדער בעטן אַ דערלויבעניש אים אַדורכצולאָזן. ווען אַ געפאַנגענער געפינט זיך אין קאַמער און דאַרף גיין אין קאַנצעלאַריע, וואָס געפינט זיך אין פּאַרטער מוז ער זיך מעלדן צו 4 וואַך פּאָליציאַנטן (אַ כוץ וואָס ער קען טרעפן אויפן וועג וועלכע געהערן נישט צו דער וואַך) אַזוי אַז הין און צוריק מוז זיך דער געפאַנגענער 8 מאָל שטעלן אויף „באַטשנאַשטש", 8 מאָל מעלדן און 8 מאָל בעטן אַ דערלויבעניש אים אַדורכצולאָזן.

ביי דעם דאָזיקן מעלדן ווערן אויסגעפירט פאַרשיידענע פייניקונגען פון די פּאָליציאַנטן וועלכע ס'איז אומעטיק און האָבן נישט וואָס צו טון; מאַכן זיי זיך פריילעך מיט די שוצלאָזע געפאַנגענע און זעטיקן דערביי זייער סאַדיזם ...

דער פּראָלעטאַרישער געפאַנגענער מאָרדכע בוימקאָלער האָט נישט געוואָלט ביים מעלדן זיך צום אינספּעקטאָר באַנוצן דאָס וואָרט „איך בעט געהאָרכזאַם", צוליב דעם האָט ער לאַנגע וואָכן נישט געקענט דערליידיקן פאַר זיך די נויטיקסטע איניאַנים.

## מילויפּט — „ביעגעם"

די גאַנצע צייט וואָס אַ געפאַנגענער געפינט זיך אין בערעזע — מוז ער אויספירן יעדן טריט לויפנדיק „ביעגעם".

געווען איז דאָס אַזוי:

איינמאָל אין אַ פרייטאָגדיקן טאָג סאָף סעפּטעמבער 1934, די געפאַנגענע האָבן זיך דאַמאָלט געפינען אויפן שאָסיי ביי דער אַרבעט. דער טאָג איז געווען אַ שיינער. די זון האָט געוואַרעמט די לייבער פון די פאַרפייניקטע געפאַנגענע.

שטייענדיק ביים גראָבן פון אַ קאַנאַל האָט מען באַמערקט ווי פון דער זייט שאָסיי קומען צו 3 פּערזאָן געקליידעט ווי ווייסרוסישע פּויערים און איינער האַלט אין האַנט אַ פאָטאָגראַפישן אַפּאַראַט.

— נישט אומקוקן זיך ! — אַרבעטן ! — האָט זיך געהערט אַ פּאָליציישער באַפעל.

דער באַפעל „נישט אומקוקן זיך" איז אָבער נישט געווען אימשטאַנד צו דערשטיקן די גרויסע נייגעריקייט פון די געפאַנגענע. אַלע ווײַלע האָט אַן אַנדערער געפאַנגענער פון אונטער דער לאָפּאַטע „אַפּערגעגאַנוועט" אַ בליק אין דער ריכטונג צו די 3 געקליידעטע ווייסרוסישע פּויערים. וואָס מער די דריי פּערזאָן האָבן זיך דערנענטערט צום אַרבעטס-פּלאַץ, אַלץ מער האָבן זיך די געפאַנגענע איבערצייגט, אַז... דאָס זענען נישט קיין „ווייסרוסישע פּויערים". פון די „ווייסרוסישע פּויערשע קליידער" האָט אַרויסגעקוקט... דאָס שוין באַקאַנטע געזיכט פון הויפּט-קאָמענדאַנט פון לאַגער.

אַלעמען איז געוואָרן קלאָר: קאַסטעק ביערנאַצקי מיט צוויי באַגלייטער זענען געקומען פאַרקליידעט אַלס „ווייסרוסישע פּויערים" אויף אַ פרײַלעכע עקסקורסיע אין קאָנצענטראַציע לאַגער.

— איבעררייסן די אַרבעט !

— שטעלן זיך אויף „באַטשנאָשטש"! — האָט זיך געהערט אַ פּאָליציישער באַפעל.

די געפאַנגענע מיט די לאָפּאַטעס, ברעכאײַזנס און „נאַשעס" אין די הענט האָבן זיך געשטעלט „אויף באַטשנאָשטש".

קאַסטעק הערט אויס דעם פּאָליציייאישן „ראַפּאָרט".

ס'הערט זיך אַ באַפעל.

— ווייטער אַרבעטן !

קאָסטעק ביערנאַצקי צוזאַמען מיט זײַנע באַגלייטער קוקן זיך צו מיט צופרידענע געזיכטער. אויף די אויסגעמאָגערטע, פאַרמאַטערטע געפאַנגענע. זיי מאַכן עטלעכע פאָטאָגראַפישע אויפנאַמעס און פאַרלאָזן דעם שאָסיי...

די געפאַנגענע האָבן שוין געוווּסט, אַז ווען דער הויפּט-קאָמענדאַנט פון בערעזע קומט אויף אַ באַזוך, לאָזט ער אַלעמאָל איבער אַ „מאַטאָנע".

דאָסמאָל איז די „מאַטאָנע" געווען אַזאַ :

קומענדיק אין לאַגער אַריין פון דער אַרבעט האָט אינספּעקטאָר גרעפּנער דערקלערט פאָלגנדיקס:

— לויטן באַפעל פון הויפּט-קאָמאַנדאַנט פון לאַגער פּולקאָווניק קאַסטעק ביערנאַצקי, מוזן פון היינט אָן, אַלע געפאַנגענע אויספירן יעדן טריט ל ו י פ נ ד י ק „ביעגעם". אויב אַ געפאַנגענער וועט נישט ווי געהעריק לויפן אָדער מאַכן דעם „אָנשטעל" אַז ער קען נישט לויפן, וועט ער באַשטראָפט ווערן מיט „קאַרצער" אָדער מיט אַנדערע שטראָפן, וועלכע ס'זעט פאָר דער רעגולאַמין פון לאַגער.

פון דאַמאָלט אָן האָט אויפגעהערט צו עקזיסטירן אין בערעזע אַ נאָרמאַלער פוס-טריט — אַלץ מוז אויסגעפירט ווערן לויפנדיק. „ביעגעם" מוז מען זיך אָנטון אין דער פרי און אויסטוען זיך צום שלאָפן גיין. „ביעגעם" עסן, וואַשן זיך. וואַשן די קיילעם. לויפן מוז מען אין קלאָזעט אַריין, און צוריק, „ביעגעם", לויפן אויף דער זביורקע, צו דער אַרבעט און נאָך אַ גאַנצן טאָג שווערער אַרבעט, מוז מען קומען „ביעגעם" אין קאַמער אַריין,

אויף די טרעפּ. אין קאָרידאָר. „ביעגעם" מוז מען אָפּטמאָל שטופּן אַ שווער-אָנגעלאָדענעם וואָגן מיט נאַסע ערד.

„ביעגעם" מוז מען אויספירן יעדן רוף, יעדן ווונק, יעדן באַוועג מיט אַ פּאָליציישן פינגער.

געפעלט נישט דעם פּאָליציאַנט דער „ביעג" ד. ה. דער געפאַנגענער איז נישט געלאָפן געניג-שנעל — דאַמאָלט ווערט דער געפאַנגענער פון דעם פּאָליציאַנט פאַרפייניקט. ער הייסט אים אָן אַ שיר מאָל לויפן „הין און צוריק" ווי אַ מעשוגענער. ערשט דאַמאָלט ווען דער שוויים זעצט אַדורך די מאַרינאַרקע באַפרייט דער פּאָליציאַנט זיין פאַרפייניקטן קאָרבן. אָבער די „באַפרייונג" פון לויפן קומט נישט פאַר אַזוי איינפאַך. אַ פאַרסאַפּעטן, אַ באַגאָסענע מיט שוויים, באַפעלט דער פּאָליציאַנט דעם געפאַנגענעם:

— „אויפהערן לויפן" ! „שטעלן זיך באַטשנאַשטש" !

דער פּאָליציאַנט ווענדעט זיך צום געפאַנגענעם:

— נו, נאָכאַמאָל, וועסטו שוין לויפן !

— ענטפער, הינטיש בלוט !

— דראַניעס! מיר וועלן אייך ווייזן וואָס ס'הייסט אַזעלכעס נישט וועלן לויפן !

ס'זענען פאַראַן אָפּטע פאַלן ווען דער „ביעג" פון אַלע געפאַנגענע צוזאַמען, געפעלט נישט דער נאַטשאַלסטוואָ. דאַמאָלט מוזן אַלע געפאַנגענע אויספירן דעם „פּייניקונגס-לויף", אָן אַ שיר מאָל. ביז די לופט ווערט פאַרהילכט פון שווערן אָטעם פון די געפאַנגענע, וועלכע „לויפן" „הין און צוריק" מיט זייערע לעצטע קויטעם.

ס'טרעפט אין בערעזע, ווען די געפאַנגענע קומען אויף מיטאָג אין לאַגער נאָך 8 שאָ שווערע איבערמענטשלעכע אַרבעט. מידע, פאַרמאַטערטע, הונגעריקע דורשטיקע, שטרעבט שוין יעדער זיך צו געפינען אין קאַמער כאַפּן זיין „מענאַשקע", אָראָפּשלונגען אַביסל וואַסער, און באַנעצט דעם פאַרטריקנטן האַלדז, ווערן די געפאַנגענע געטריבן אַ מאָל 10 אַרויף אין די קאַמערן און צוריק אַראָפּ אויפן הויף.

אין בערעזע ווערן געטריבן „ביעגעם" יינגע און אַלטע, קראַנקע און געזונטע. מ'לויפט ווען ס'גיסט זיך בלוט פון די אָפענע העמאָרידן, מיט פאַרבאַנדאַזשירטע געשווירן, מיט געבראָכענע גלידער ; מ'לויפט מיט פאַרקרימטע געזיכטער פון בויך, און מאָגן ווייטיקן און פון פיין.

„ביעגעם" דאָס איז באַליבסטע וואָרט וואָס גייט נישט אַראָפּ קיין איין מינוט פון די ליפּן פון דער פּאָליציי.

דער נוסעך פון אַ בערעזער פּאָליציאַנט איז :

— דער אַרעסטירטער נומער 285, נומער 55, נומער 219, נומער 5, נומער 200, נומער 260, נומער 16, נומער 54, נומער 92... — „ביעגעם צו מיר"!

ווייל אַזוי האָט באַפוילן קאַסטעק ביעראַצקי... און אונטער די דאָזיקע טויטע ציפערן זענען געווען :

נומער 167 — טראָפים מאַרישטשוק, אַ גרויער, 50 יעריקער אוקראַאינישער פּאָלקס-לערער, געזעסן 9 יאָר אין טפיסע, פאַר בערעזע;

נומער 89 — דער 24-יאָריקער וואַרשעווער פריזיר-אַרבעטער, שמיל קאַפּטור;

נומ. 285 — דער 43-יאָריקער וועבער פּיאָטר סאַנקאָווסקי פון וואַרשע;

נומער 260 — דער 32-יאָריקער לערער ליבער מושינסקי;

נומער 55 — דער 50-יאָריקער מויערער פון לעמבערג טעאָפיל יאבלאָנסקי;

נומער 200 — דער 34-יאָריקער פראָפ. טוער יערעכמיל בלאנק פון ווארשע;

נומער 5 — דער 32-יאָריקער פויער מיכאל וואָלקאָ פון נאָוואָגראָדעק;

נום. 219 — דער 42-יאָריקער פראָלעטארישער פריידענקער-טוער מאָטל זאָלאָטאָוו.

נומער 16 — דער לאנגיאָריקער פראָפעסיאָנעלער טוער פון ווארשע ארן סקראָבעק;

נומער 283 — דער 23-יאָריקער ווייסרוסישער הארץ-ליידנדיקער פויער דאגאָשיק וואסיל.

נומער 175 — דער 34-יאָריקער אוקראַינישער פויער פון הינטער קאָוועל, ניקיפאָר לישאַק;

נומער 3 — דער 40-יאָריקער יאַנקל לובטשאַנסק.

און נאָך, און נאָך צענדליקער, וועמענס נעמען ס'זענען מיר ארויס פון זיקאָרן.

## מישלאָגט

דאָס ערשטע האלבע יאָר אין בערעזע איז דאָס שלאָגן און קאָטעווען די געפאנגענע געווען אַ „געוויינלעכע", טאָג-טעגלעכע דערשיינונג. דאָס שלאָגן איז געווען אַ דירעקטע פאַראָרדענונג פון דער העכערער מאַכט. „צופעליק" פלעגט ביים שלאָגן „פאַרשווינדן" די העכערע נאַטשאַלסטווע. ס'זענען געווען אַפילע פאַלן, ווען די העכערע מאַכט, פון דער לאַגער-אַדמיניסטראַציע, האָט אָפן, פאַר אַלע געפאַנגענע געהייסן שלאָגן. בעיים ס'איז געקומען אין לאַגער דער אוקראַינישער אַרבעטער סאַוויצקי, האָט דער אינספעקטאָר באָלעסלאַוו גרעפנער, אין דער אָנוועזנהייט פון אַלע געפאַנגענע, באַפוילן דעם קאָמענדאַנט פון בלאָק מיט די ווערטער:

— הערן מאַרקאָווסקי!

איך באַפעל אייך, אַז דער גומי-שטעקן זאָל די גאַנצע צייט, וואָס דער קאָמוניסט סאַוויצקי וועט זיך געפונען אין לאַגער, נישט אַראָפּנעמען ווערן פון זיינע פלייצעס!

— טאַק יעסט! (אַזוי איז עס) — האָט מאַרקאָווסקי געענטפערט, און זיינע אויגן האָבן אָנגעהויבן צו פינקלען פון דער סאַדיסטישער האַנאָע.

פאַר יעדער מינדסטער קלייניקייט האָבן די געפאַנגענע באַקומען צו עטלעכע גומי-שטעקנס איבער לייב און קאָפּ, די לייבער פון די געפאַנגענע זענען געווען געשוואָלן און באַדעקט מיט ברוין-בלויע צייכנס.

וואָס מער אַ פּאָליציאַנט האָט געשלאָגן אַ געפאַנגענעם, אַלץ מער אָנגעזעענער איז ער געוואָרן ביי דער נאַטשאַלסטוואָ.

איז טאַקע צווישן די פּאָליציאַנטן גופא אין דער הינזיכט פאָרגעקומען אַ קאָנקורענץ. ווייל וואָס מער אַ פּאָליציאַנט האָט זיך אויסגעצייכנט מיט שלאָגן, פייניקן און אַכזאָריעסדיקן זיך באַציען צו די געפאַנגענע — אַלץ מער שאַנסן האָט ער באַקומען צו שטייגן און צו פאַרנעמען אַ באַקוועמערן און בעסער-באַצאָלטן אַמט אין דער אַדמיניסטראַציע פון קאָנצענטראַציע-לאַגער.

דער ווארשעווער פאליציאנט קאמאראווסקי, וועלכער האט אין אנפאנג פארנומען אן איינפאכן אמט אין לאגער פון שטיין אויף דער וואך, האט צוליב זיין ראצכישער אויפפירונג קעגן די געפאנגענע, שנעל אוואנסירט ביז צו א באאמטן אין דער באקוועמער און ווארעמער קאנצעלאריע פון אינספעקטאר.

אמשטארקסטן אויסגעצייכנט מיטן שלאגן און פייניקן האבן זיך די פאליציאנטן מארקאווסקי, שיטעק, קאמאראווסקי, גוויזדאלא און פאסאווסקי. שפעטער: וויעטשארעק, בארניטשאק, מאלינאווסקי, כילטשיק, באזשענצקי און קאוואלסקי.

מארקאווסקי איז אין זיינער צייט געווען די רעכטע האנט פון אינספעקטאר גרעפנער. דעם דאזיקן פאליציאנט איז איבערגעגעבן געווארן די מאכט איבער די געפאנגענע אין בערעזע, וועלכע האבן אין די ערשטע צייטן באטראפן 212 פערזאן.

צו יענער צייט האט מען אין בערעזע געקענט זען א בילד, ווי העכער 200 געפאנגענע ווערן ארויסגעטריבן פון זייערע קאמערן. די געפאנגענע מוזן זיך לאזן אין א גאלאפ-לויף אין דער ריכטונג צום מיט שטעכיקע דראט פארצוימטן הויף, (דאס זאמל-ארט פון די געפאנגענע). ווען די לויפנדיקע מאסע האט זיך געפונען אויפן ברעג פון די טרעפ, וואס פירן אראפ צום פארטער — צום ארויסגאנג, (די קאמערן געפינען זיך אויפן ערשטן שטאק) איז די צוזאמענגעדריקטע מאסע געשלאגן געווארן מיט גומי-שטעקנס פון דער פאליציי-וואך אזוי, אז יעדער דריטער, פערטער געפאנגענער, האט געמוזט באקומען א גומי-פאלקע. פארשטענדלעך, האבן די פאליציאנטן בעיסן שלאגן באמיט אויסצומיידן די געזיכטער פון די פוילישע נאראווצעס.

די גרעסטע טייל קלעפ האבן באקומען קאמוניסטן און אוקראאינישע נאציאנאליסטן.

דעם דאזיקן „געהענעם-שפאלער“ האבן די געפאנגענע געמוזט אדורכגיין עטלעכע מאל אין טאג.

⁂

א געוויסן טאג האט מארקאווסקי באפוילן אז פון יעדער קאמער זאל א געפאנגענער ארויס אויפן קארידאר מיט די עמערס צו ברענגען וואסער.

ווען מ'איז ארויס אויפן קארידאר, האט מארקאווסקי געהייסן אוועקשטעלן די עמערס אויף דער פאדלאגע און באפוילן:

— אז מ'וועט דערהערן דעם ערשטן פייף, זאל מען זיך שטעלן „באטשנאשטש“. —ביים צווייטן פייף — אויסשטרעקן די הענט אין דער ריכטונג פון די עמערס. ביים דרטן פייף — כאפן די עמערס און לויפן צו די פעסלעך וואסער...

אזוי ווי א טייל געפאנגענע האבן זיך פארשפעטיקט מיט אן „אויגפינטל“ אנצוכאפן די עמערס, האט זיי מארקאווסקי אנידערגעווארפן אויף דער ערד, געקאפעט און געטרעטן מיט די שטיוול אויף די בייכער, באפוילן „אויפשטיין“! און יעדן דערלאנגט די עטלעכע גומי-שטעקנס איבער דער פלייצע, שרייענדיק דערביי:

— מיר וועלן אייך וויזן א „פארשפעטיקן זיך“ אנצוכאפן די עמערס...

⁂

מ'פייניקט אויך די געפאנגענע איינצלוויז. מ'פלעגט ארויסרופן איינצלנע געפאנגענע אויפן קארידאר, הייסן אויסטון די שיך, שלאגן מיט גומי-שטעקנס

**איבער די נאַקעטע פיענטעס, שלאָגן איבער די פלייצע און נירן און דערביי אויסכויזעקן די קאַרבאַנעס.**

דער פּראָלעטאַרישער געפאַנגענער, דער וואַרשעווער פריזיר-אַרבעטער שמול קאַפּטור, איז ספּעציעל מוירעדיק געפּייניקט געוואָרן אין בערעזע. יעדער פּאָליציאַנט האָט אויסגעפירט זיין סאַדיסטישע פּראַקטיק אויף די פלייצעס פון דעם דאָזיקן גערוידעפטן פּראָלעטאַריער. זיין לייב איז געווען גע-שוואָלן פון די קלעפּ, מ'האָט אים געגעבן די שווערסטע אַרבעטן, מ'האָט אים צעהאַקט די נירן. ער איז אָפּגעליגן כאַדאָשים אין פינסטערן קאַרצער.

איינמאָל, אין אַ ווינטערדיקן זונטיק נאָכמיטאָג, באַווייזט זיך אויף דער שוועל פון אונזער קאַמער מאַרקאָווסקי, אַלע געפאַנגענע שטעלן זיך אויף „באַטשנאָשטש", מאַרקאָווסקיס בליק פאַלט אין דער ריכטונג פון שמול קאַפּטור.

אַ פּאָליצייאישער באַוועג מיט דער האַנט — אַ צייכן, אַז קאַפּטור זאָל אַרויס אויפן קאָרידאָר. אַלע האָבן מיר געוווסט און געפילט צו וואָס פאַר אַ צוועק מאַרקאָווסקי רופט קאַפּטורן אויפן קאָרידאָר...

אין אַ פאָר מינוט אַרום קאַפּטור קומט צוריק אין קאַמער אַריין, אָבער שוין מיט אַן אַנדערן אויסזען... זיין פּאָנים איז געל, די האָר—צעשויבערט, פון זיין נאָז רינט בלוט ווי פון אַ וואַסער-קראַן. אין די הענט האַלט ער זיינע שיך, ווייל אַלס „צולאָג" האָט אים מאַרקאָווסקי געגעבן גומי-שטעקנס איבער די נאַקעטע פיענטעס...

— וואָס איז געשען?

מיט וואָס האָט זיך דער אַרבעטער קאַפּטור פאַרזינדיקט?

— ניין! ס'איז גאָרנישט געשען!

דאָס איז געווען דאָס „נאָרמאַלע" טאָג-טעגלעכע לעבן פון די געפאַנ-גענע אין בערעזע אינם ערשטן האַלבן יאָר.

דעם ווייסרוסישן פויער מאַקסים באַגעל האָט אויפן באַפעל פון אינס-פעקטאָר דער זעלבער מאַרקאָווסקי מוירעדיק געקאַטעוועט. ער האָט אים אַרויפגעוואָרפן אויף אַ קופּע שטרוי, געשלאָגן מיט די פיס און הענט און אים געשטיקט ביים האַלז, אַז ער זאָל זאָגן ווער עס האָט געהאַרגעט אַ פּראָ-וואָקאַטאָר אונטער נאָוואָגרודעק, פון וואַנען עס שטאַמט דער דערמאָנטער פויער.

אויף אַ בעסטיאַלישן אופן האָט מאַרקאָווסקי געפּייניקט זאָלאָטאָוון. זיין לייב איז געווען באַדעקט מיט בלויע צייכנס פון גומי-שטעקן.

דעם פּראָלעטאַרישן געפאַנגענעם פון וואַרשע — אַרן סקראָבעק האָט דער טאַליען מאַרקאָווסקי אין דער הייליקער נאַכט פון ווייַנאַכטן („באָזשע נאַ-ראָדזעניע") 1934 אַרויסגעשלעפּט אויפן קאָרידאָר, געשלאָגן מיט א לעדער-נעם פּאַסעק איבערן קאָפּ, אויסגעהאַקט אים עטלעכע ציין, געצוווּנגען אין אַ זיצנדיקער פּאָזע, אויף די שפּיץ פינגער פון די פיס, מיט אויסגעצויגענע הענט איבערן קאָפּ, צו האַלטן אַ האַלבע שאָ צייט אַ שווערע באַנק. און צום סאָף באַפוילן צו מאַכן 40 (פערציק) מאָל: „פאַלן", „אופשטיין", „זיצן", „פאַלן" ביז דער שוויים האָט אַדורכגענעצט די" אויבער"שטע מאַלבושים.

אין דעם זעלבן יאָמטעוו פון הייליקן קריסטלעכן געבורט האָט מאַרקאָוו-סקי שטאַרק געפּייניקט די אוקראַינישע נאַציאָנאַליסטן סערוועטניק און יאַניץ.

**ווען דער אוקראַינישער נאַציאָנאַליסט ראָמאַן שוכעוויטש איז איינמאָל**

אין אַ נאָוועמבער פֿאַרטאָג, פֿאַרן אַרויסמאַרשירן צו דער אַרבעט, אַוועקגעפֿאַלן אין כאַלאַשעס, האָט דער אַספּיראַנט פּיאָטר יאַרזשעצקי, אין אַלעמענס אָנוועזנהייט, באַפֿוילן די פּאָליציאַנטן — „דערלאַנגט אים (שוכעוויטשן) עטלעכע גומי-שטעקנס וועט ער אויפֿהערן צו כאַלעשן"...

דער זעלבער „אַספּיראַנט", וועמען מ'קען באַצייכענען דער „קאַלטער סאַדיסט" פֿון בערעזע, האָט ביי אַן אַנדערער געלעגנהייט, ווען 4 געפֿאַנגענע האָבן אויף זייערע אַקסלען געטראָגן אַ לאַנגן שווערן סלופּ, באַפֿוילן די וואַך-פּאָליציי, אַז זיי זאָלן בעיסן שלעפּן דעם סלופּ שלאָגן די געפֿאַנגענע — די פּאָליציאַנטן האָבן דעם באַפֿעל אויסגעפֿירט.

די טאָג-געשפּרעכן פֿון די געפֿאַנגענע אין לאַגער זענען צו יענער צייט געווען אַזעלכע:

— איך האָב היינט ביים לויפֿן באַקומען נאָר 2 פּאַלקעס!

— און איך, זעסטו, האָב געהאַט „גליק" — אַט האָב איך שוין געפֿילט דעם גומי-שטעקן אויף מיין פּלייצע, האָב איך זיך געטון אַ בייג-אַראָפּ און אויסגעמיטן די קלעפּ.

— און איך, — רופֿט זיך אָן אַ פּוילישער „נאַראָוויעץ" — האָב נאָך זינט כ'בין אין בערעזע, נישט באַקומען קיין איין פּאַלקע...

טייל געפֿאַנגענע האָבן אין זיקאָרן פֿאַרצייכנט אַ סטאַטיסטיק וויפֿיל גומי-שטעקנס ס'איז געפֿאַלן אויף זייערע קעפּ און פּלייצעס. מ'פֿלעגט רעכענען 60, 73, 105, 127, 141 גומי-שטעקנס. אין די אָוונטן, ווען די געפֿאַנגענע זענען געקומען אין די קאַמערן פֿון דער אַרבעט, האָט מען אַראָפּגעוואָרפֿן די מאַלבושים און וועש און געבעטן אַ צווייטן געפֿאַנגענעם צו באַקוקן די פּלייצעס, ווי זיי זעען אויס פֿון די גומי-שטעקנס — אָבער אַפֿילו דאָס האָט מען געמוזט טון פֿאַרבאַהאַלטן, אַז ס'זאָל נישט דערזען מאַרקאָווסקי, אָדער אַן אַנדערער פּאָליציאַנט. ווייל... דעמאָלט וואָלטן זיך די גומי-צייכנס אויף דער פּלייצע פֿאַרמערט...

## די „קולטור" פֿון פֿאַשיסטישן פּוילן

נישט אומזיסט האָט אין אָנפֿאַנג דער אינספּעקטאָר באָלעסלאַוו גרעפּנער דערקלערט פֿאַר אַלע געפֿאַנגענע :

— מיר וועלן אייך דאָ ווייזן אַזעלכע סורפּריזן וואָס איר האָט אַפֿילו אין כאַלעם נישט געזען און די וועלט ווייס נאָך נישט פֿון אַזעלכעס...

ס'האָט טאַקע נישט לאַנג געדויערט און די געפֿאַנגענע האָבן זיך איבערצייגט, אַז דאָס מאָל האָט באָלעסלאַוו גרעפּנער קיין ליגנט נישט געזאָגט...

דאָס דערלייידיקן דעם נאַטירלעכן געברויך וואַקסט אויס אין בערעזע צו אַ פּראָבלעם. אין די ערשטע כאַדאָשים האָט די פּאָליציי - וואַך, ערשט נאָכן „פֿרישטיק" אַרויסגעלאָזט אַלע געפֿאַנגענע (העכער 200 מאַן) מיט איין מאָל אין קלאָזעט אַריין. אַזוי ווי דאָס קלאָזעט פֿאַרמאָגט נור 4 זיץ-פּלעצער, זענען געוועזן אויסגעשטעלט 4 רייען צו 50 פּערזאָן. צייט אויף צו דערליידיקן דעם געברויך פֿאַר אַלע געפֿאַנגענע איז געגעבן געוואָרן 7 (זיבן) מינוט...

אַט האָבן נישט באַוויזן זיך „אָפּצופּאַרטיקן" קיין העלפֿט, און שוין הערט זיך אַ פֿייף! אַלע געפֿאַנגענע מוזן צוריקלויפֿן אין זייערע קאַמערן, טייל

מיט פארקרימטע פעניטער פון בויך און מאגן ווייטאגן, טייל מיט... אויפגעשפיליעטע הויזן, וואס זיי האלטן לויפנדיק צו מיט די הענט, ווייל זיי האבן זיך שוין געפינען אויף דער... „שוועל פון גליק" ד. ה. נאנט פון זייץ-פלאץ, און דער פייף האט זיי דאס „גליק" צושטערט... אמטראגישסטן איז געווען די „סיטואציע" פון די געפאנגענע, וועמען דער פייף האט אנגעטראפן אויפן זייץ-פלאץ... האלטנדיק אין סאמע מיטן דערליידיקן דעם נאטירלעכן געברויך האט ער מיטן טרייסלען פון זיין קערפער און... מיט די נאקעטע הענט — — ארויסגעווארפן פון זיין קערפער דעם טינעף...

ווייל נישט גלייך שטעלן זיך אויפן פייף, פארשפעטיקן זיך אויף איין סעקונדע, אין בערעזע — דאס הייסט באקומען גומי-שטעקנס אדער „קארצער", אפטמאל ביידע צוזאמען.

זאלאטאוו האט באקומען געשלאגן פון מארקאווסקין דערפאר ווייל נישט קענענדיק זיך דערווארטן אויף זיין רייע, האט ער דערליידיקט זיין נאטירלעכן געברויך אינם קאנאל, וווּ מ'גיסט אויס די אומריינקייטן.

פאפיר, שטיקלעך שמאטעס, אפילו גראז אדער בלעטער, וואס ס'איז נייטיק צו דערהאלטן די מינימאלסטע היגיענע פון מענשלעכן קערפער, איז אין בערעזע שטרענג פארבאטן.

האט טאקע א גרויסער טייל געפאנגענע „גענוצט" שטיקלעך געוואנט וואס זיי האבן אפגעריסן פון זייערע אייגענע צייוולע מאלבושים, (נישט אלע האבן געטראגן אייגענע מאלבושים).

מ'האט טאקע געקענט זען צעריסענע, באדשעווקעס, אויסגעריסענע שטיקער לייוונט פון די וועש, מ'האט אויך גענוצט די פארבלוטיקטע באנדאזשן, וואס די גרעסטע טייל געפאנגענע האבן געהאט ארומגעוויקלט זייערע געשווירן, צעקאליעטשעטע פיס און הענט. די דאזיקע באנדאזשן זענען געווען זער שמוציקע, אדורכגעווייקט מיט פערמענטירט בלוט פון די ווונדן. — פון אזא „היגעניש פאפיר" האט מען גאנץ לייכט געקענט באקומען א בלוט-פארגיפטונג, אדער אנדערע „צעראאסן", וואס האבן אין בערעזע נישט אויסגעפעלט.

טייל האבן זיך „צוגעוויינט" צו דער „בערעזער היגיענע" און גאר נישט גענוצט... איז טאקע זייער וועש געווען פול מיט טינעף..

אז מ'האט געארבעט אויפן שאסיי, זומער צייט, ווען די פאלעסער פייכטע ערד גיט פון זיך ארויס הויכע גראזן און ברייטע בלעטער, האבן די געפאנגענע „באגאנוועט" די נאטור, יעדער א גרינעם בלאט, ווער א ביסל גראז און באהאלטן אין קעשענע.

די טאליאנים האבן אבער דאס דערשמעקט. מ'האט זיך אומגעקערט אין לאגער אריין פון דער ארבעט, פארן ארויפלאזן די געפאנגענע אין די קאמערן אריין.

ס'דערהערט זיך א באפעל:

— „ארויסלייגן פון די קעשענעס דאס גראז און בלעטער"! האט מען געפונען ביי א געפאנגענעם אין קעשענע אביסל גראז, איז אבוץ וואס ער האט געמוזט אליין פארנייען מיט פאדים זיינע קעשענעס אויף שטענדיק, איז ער נאך געשטעלט געווארן צום „שטראף ראפארט", א „מעציע" האט געהאנדלט דער געפאנגענער, וועלכער איז אויפן ארט באשטראפט געווארן פון „בלאק קאמענדאנט" מיט „פאלן" און „אויפשטיין"!

דערוועגט זיך א געפאנגענער צו דערליידיקן א קליינעם נאטירלעכן גע-

ברויך אָן אַ דערלויבניש, דאַן גייט ער אין קאַרצער פאַר... „סאַמאָוואָליאַ" (זעלבסטהערשאַפט).

ערגער איז מיטן לאָזן אורין, אָדער מיטן דערליידיקן דעם הויפט-גע-ברויך ביינאַכט. אין קלאָזעט ווערט דעמאָלט אין קיין פאַל קיין געפאַנגע-נער נישט ארויסגעלאָזן. אין קאַמער איז פאַראַן אַ קיבעל, וועלכער איז צו קליין אריינצונעמען פון אַ גאַנצע נאַכט אורין פון 30 מאַן. (און ווער שמו-עסט נאָך אַכויז אורין)... איז דערפאַר אין די קאַמער זייער אַ געשטיקטע לופט. — געשטיקטע לופט איז צו דעליקאַט זיך אויסגעדריקט — אין די קאַמערן הערשט אַ שרעקלעכער געשטאַנק... דאָס ערשטע האַלבע יאָר איז אַפילע געווען פאַרבאָטן צו לאָזן אָפן ביינאַכט דעם „לופטשיק", וואָס זיין גרויס באַשטייט פון אַ קליינע שויב.

די נערוון פון די געפאַנגענע זענען שטענדיק, צושטרייט. דאָס שאַפט אַז דער קערפּער מוז פון זיך ארויסגעבן אַ כאַך אורין, די גרעסטע טייל געפאַנ-גענע גייען טאַקע אין מעשעך פון דער נאַכט צו 3, 5 און 7 מאָל צום „קיבעל". דער „קיבעל" איז געוואָרן דער „נאַכט זייגער" אין בערעזע. איז דער „קי-בעל" געווען איין דריטל אָנגעפילט, האָט מען געוואוסט אַז איצטער איז 10 אָוונט. אַז אַ האַלבער קיבעל — איז דער „זייגער" געווען 12 ביינאַכט. און אַז דער קיבעל איז געווען פול, דעמאָלט איז האַלב 3 בייאַכט. (די קי-בער זענען אויפגעשטאַנען) און אזוי ווי צום אויפשטיין איז נאָך געבליבן אָנדערטהאַלבן שאָ צייט, האָט יעדער איינער געוואָלט אויסליידיקן זיין או-רין פאַרן פול ווערן פון קיבעל. האָבן זיך אָפטמאָל אין מיטן דער נאַכט אָפּ-געשפּילט סצענעס אין די קאַמערן פון וועלן וואָס פריער פאַרכאַפן אַן אָרט ביים קיבעל... די וואָס זענען נישט געווען „פעיק" צי זיין פון די ערשטע האָבן שוין געמוזט זיך איינהאַלטן ביזן אויפשטיין און נישט געקאָנט צוריק אַנטשלאָפן ווערן. אַפילע אויפן פעלד, ארום דעם לאַגער, ווו די געפאַנגענע זענען אין די פינצטערע פאַרטאָגן ארויסגעטריבן געוואָרן צום וואַשן זיך, איז אויך געווען פאַרבאָטן צו דערליידיקן אַ קליינעם נאַטירלעכן געברויך. טייל געפאַנגענע, האָבן שוין נישט געקענט זיך איינהאַלטן און געלאָזן אורין, אַז ס'האָט עס דערזען דער קאָמענדאַנט מאַרקאָווסקי, פלעגט ער שלאָגן און צום סוף געהאַלטן פאַר די געפאַנגענע אזא רעדע :

— איר, אינזשיניערן, דאָקטוירים, אַדוואָקאַטן, שרייבער, זשורנאַליסטן און פילאָזאָפן, איר הינטיש בלוט! ביקעס! מעלוכע-פאַרברעכער, קאָמוניסטן און בריקן-אונטערצינדער.

איר זאָלט נישט מיינען אַז איר זענט ביי זיך אין דער היים. דאָ מוז זיין היגיעניש!...

האָט איין געפאַנגענער זיך אָנגערופן מיט אַ וואָרט.

האָט מאַרקאָווסקי אויסגעשריגן :

— שוויינ! הינטיש בלוט! ווען נישט וועל איך דיר דיין „פיסק" צו-מאַכן! און זיך גענומען ארויסציען דעם גומי-שטעקן...

**
*

נאָוועמבער 1934, אַ פינסטערער האַרבסט - כוידעש. 5 פאַרטאָג. מען יאָגט ארויס די געפאַנגענע אויפן פעלד ארום לאַגער, צו דער „זביורקע", באַלד וועט מען אָפשיקן צו דער ארבעט. אַ פינסטערער, פאַרוואָלקנטער הימל הענגט איבער די קעפ פון די געפאַנגענע. אַ בייסנדיקע קעלט האָט זיך איינ-געגעסן אין די מאָגערע לייבער וואָס זענען געווען צוגעדעקט מיט לייוונטענע

זומער-מאַלבושים. אַרומגעצוימט מיט דעם ברייטן פּלויט פון שטעכיקן דראָט, באַוואַכט פון דער פּאָליציי מיט די אויפגעשטעלטע שאַרפן פון די ביקסן, אין צוויי לאַנגע רייען זענען די געפאַלענע געשטאַנען גלייך אויסגעשטעלטע מיט די בלעכענע „מענאַשקעס“ אין די הענט און געוואַרט אויף דער וואַך, אָפּגעפירט צו ווערן אויף דער שאָסיי-אַרבעט, 5 קילאָמעטער פון לאַגער. אַלע מינוט בליקט אַרויף אַ געפאַנגענער צום פינצטערן אָנגעכמורטן הימל און פרוווט צו זאָגן „געוויעס“ צי ס'וועט יאָ אָדער נישט גיסן אַ רעגן...

ערשט מיט אַ האַלבע שאָ צוריק האָט מען „אָפּגעגעסן פרישטיק, אויסגעטרונקען די קאַווע און שוין זענען פול די פּענכערס. מ'מוז אַרויסלאָזן די אורין. מ'טאָר אָבער נישט. מ'שטייט אויסגעשטעלט אין רייען, לויטן מיליטערישן סיידער. טייל געפאַנגענע וועלכע געפינען זיך אין דער צווייטער רייע, פאַרביינגן די „קולטור“ און לאָזן אַרויס די אורין, נאַס מאַכנדיק דעם צווייטנס מאַלבושים... 5 קילאָמעטער וועג, זיך איינצוהאַלטן איז צו לאַנג...

אַלע געפאַנגענע אין בערעזע זענען קראַנק אויפן מאָגן. יעדער איינער גיט אַרויס פון זיך אָן אַ שיר גאַזן, וועלכע פאַרשפּרייטן אַ מוירעדיקן איפּעש.

צווישן די געפאַנגענע אין לאַגער קען מען הערן אַזעלכע געשפּרעכן:

— איך האָב געהאַט די נאַכט אַזעלכע בויך-שמערצן, אַז כ'בין שיר צעפּלאַצט געוואָרן..

— ביי אונז אין קאַמער זענען די נאַכט געלאָפן אויפן קיבעל אַ דריטל איינוווינער... צוליבן געשטאַנק איז נישט געווען מעגלעך צו שלאָפן און דערצו איז שוין אין קיבל נישט געווען קיין אָרט אויף צו לאָזן אורין...

— און איך, זעהסטו, וואַרט שוין אויף זונטיק. עפּשער וועט דעמאָלט האָבן וואַך אַ גוטער „זעקס“, וועל איך מיך אַרויסכאַפּן אין קלאָזעט.. און כאָטש איינמאָל זיך „גוט“ „דערליידיקן“... („זעקס“ רופן די געפאַנגענע די פּאָליציאַנטן.)

אָדער: איך בעט דיך, רוק זיך פון מיר אָפּ ווייל... ס'שטינקט איצטער פון מיר..

— אַנטשולדיקט, איך מוז זיך פון אייך אָפּרוקן ווייל איך פיל אַז איך וועל פאַרשפּרייטן אַ שלעכטן רייעך...

דער געפאַנגענער ווערט אין בערעזע געיאָגט און געפּלאָגט. מ'וועגדעט צו אים אָן מיטלאַלטערלכע מעטאָדן. נאָכן אָנגיסן זיך דעם מאָגן מיט וואַסערדיקע זופּ, מוז דער געפאַנגענער לויפן „ביעגעם“... מ'וואַלגערט זיך אויף דער שמוציקער אַספאַלט-פּאָדלאָגע, צוזאַמענגעדריקט ווי אין אַ הערינגפאַס.

איינמאָל האָט דער אינספּעקטער גרעפּנער אַדורכגעפירט אַ אַנקעטע צווישן אַלע געפאַנגענע וועגן מאָגן-קראַנקהייט. אויף זיין פראַגע, וויפל פון די געפאַנגענע זענען קראַנק אויפן מאָגן, האָבן 95 פּראָצענט פון די געפאַנגענע געענטפערט, אַז זיי ליידן אויפן מאָגן. אַ צופרידענער, מיט אַ צושמייכלט פּאָנים, האָט גרעפּנער געענטפערט די געפאַנגענע:

— איר זענט דאָ שלעכט אַריינגעפאַלן!, מיר האָבן דאָ נישט בעדייע אייך אויסצוהיילן די מאָגנס, איך האָב נאָר געוואָלט וויסן ווי ווירקט אויף אייך בערעזע ...

# די לייז פרעסן די לייבער.

אַ כוץ אַנדערע פייניקונגען, איז אין בערעזע צוגעקומען נאָך אַ פּלאָג — לייז. די ערשטע זעקס כאַדאָשים זענען די היגיענישע באַדינגונגען אין בערעזע געווען אומדערטרעגלעך און נישט צו באַשרייבן. ס'איז נישט געווען דערלויבט צו באַזיצן קיין שטיקל זייף. די אַדמיניסטראַציע האָט קיין וועש נישט געגעבן. דערלויבן אַ געפאַנגענעם צו גיין אין דעפּאָזיט צו בייטן זיין אייגענע וועש — איז געווען אַ זעלטנקייט.

יעדער געפאַנגענער האָט געהאַט ליגן אין זיין זאַק: וועש, זייף, אַ צאָן-בערשטל, ציין-פּאַסטע, וואָס די קרויווים פלעגן נישט זשאַלעווען. קיין עסן פון דרויסן האָט מען נישט צוגעלאָזן, האָבן די קרויווים געוואָלט לייכטער מאַכן דעם שווערן לעבן פון זייערע געפאַנגענע מענער, זין, פאָטערס און ברי-דער מיט באַזאָרגן געגוג וועש, זייף און מאַלבישים.

וואָס איז אָבער דערפון אַרויסגעקומען? גאָרנישט!

דער געפאַנגענער איז באַרויבט געוואָרן פון צו האָבן רעכט אַפילע אויף זיינע אייגענע זאַכן. זענען טאַקע די זעק, צוליבן אָפּטן שיקן פון די פאַמיליעס וועש, מאַלבישים א. אַ. וו. געוואָרן וואָס אַמאָל אַלץ פולער, בייכיקער — און די געפאַנגענע — מאָגערער און שמוציקער.

קיין וועש האָט מען נישט געביטן לאַנגע וואָכן, אַפילע כאַדאָשים. מ'האָט געטראָגן 3-2 כאַדאָשים נאָכאַנאַנד איין העמד... די העמדער פלעגן זיך צעפאַלן אויף שטיקלעך. אָט טראָגט אַ געפאַנגענער אינזשיניער אַ העמד, וואָס פאַר-מאָגט נאָר איין האַלבן אַרבל. אָט לויפט אַדורך אַ געפאַנגענער אַרבעטער, אַ דאָקטאָר, אַן אַדוואָקאַט, אַ פויער, אַ זשורנאַליסט מיט אויסגעריסענע פלייצעס, אָדער אינגאַנצן אָן העמדער און אָן גאַטקעס. און פון די צעריסענע הויזן זעען זיך אַרויס שטיקער נאַקעט לייב.

די געפאַנגענע ווינען זייער ענג, צו 30 פערזאָן אין איין קאַמער, די שטרוי-זעק זענען דאָס ערשטע האַלבע יאָר געלעגן אויף דער שמוציקער אַס-פאַלט-פאָדלאָגע, צוזאַמענגעדריקט איינער לעבן אַנדערן, ווי אין אַ הערינג-פאַס.

דאָס „וואַשן” זיך איז די ערשטע וואָכן פאָרגעקומען אויף אַזאַ אויפן: אַלע געפאַנגענע (זיי האָבן געציילט ביז 200 מאַן) האָבן זיך אויסגעשטעלט אין איין רייע. 2 געפאַנגענע מיט 2 עמערס וואַסער האָבן אַרויפגעגאָסן עטלעכע טראָפּן וואַסער אויף די הענט. ס'האָט אַפילע נישט געסטייעט אויף אויסצו-וואַשן די אויגן... זענען די „גיסערס” געווען אוקראַינישע אָדער פוילישע נאַ-ציאָנאַליסטן — דעמאָלט האָט שוין קיין קאָמוניסט — ווער שמועסט נאָך אַ יידישער — קיין טראָפּן וואַסער אויך נישט באַקומען.

די לייז האָבן זיך מיט אַ מוירעדיקן טעמפּ אָנגעהויבן צו פאַרשפּרייטן. זיי האָבן גאַנצע מאַכנעס אָנגעפילט די שעניקעס, די קאָצן. זיי זענען אין די טויזנטער אַריינגעדרונגען צו יעדן געפאַנגענעם אין די וועש און אין די אַנ-דערע טיילן פון די שמוציקע, פאַרשווייסטע מאַלבישים. די לייז האָבן זיך אין לאַגער אַזוי פאַרשפּרייט, אַז איינמאָל האָט אַ געפאַנגענער אָוועקגעלייגט זיינס אַ נייע בלוזע פון טונקעלער שטאָף, צוריקקומענדיק פון דער אַרבעט, האָט ער זיין בלוזע נישט דערקענט: די בלוזע איז געוואָרן גרוי פון דער געדיכטער מאַכנע לייז...

ס'איז געווען אין האַרבסט פון יאָר 1934, די אַזוי אויך לײמיסקע ערד פּיי

פּאָלעסיע איז געוואָרן נאָך מער בלאַסיקער, שווערער און נאַסער. קאַלטע האַרבסטיקע ווינטן געמישט מיט אָפטע רעגנס האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט אויף די אומעטיקע פּאָלעסיער פעלדער און באַדעקט דעם קאָנצענטראַציע-לאַגער. די געפאַנגענע האָבן אויסגעזען ווי שאָטנס, אויסגעמאָגערטע, מידע, הונגעריקע מיט גאַנצע מאַכנעס לייז אויפן קערפּער. וואָס אויסגעדאַרטער, געלער און מידער די געפאַנגענע האָבן אויסגעזען — אַלץ אויסגעפּאַשעטער, פולבלוטיקער און גרעסער זענען די לייז אויסגעוואַקסן.

מ'פלעגט אויסנוצן יעדע פרייע מינוט און אַרויסלאָזן זיך אויף אַ שלאַכט מיט די לייז. מ'האָט געקענט זען, ווי נאָכן „מיטאָג„, ווען ס'איז פאַרבליבן עטלעכע מינוט צייט אומצוקערן זיך צו דער אַרבעט, אַנשטאָט אָפּצורוען דעם מידן קערפּער, האָבן די געפאַנגענע אַראָפּגעוואָרפן פון זיך די מאַלבישים און וועש און גענומען זיך אויסקוילן די לייז. די מילכאָמע האָט אָבער ווייניק גע-ווירקט, ווי נאָר מ'האָט די שמוציקע וועש אַדורכגעזאַפּט מיט שוויים, אַדורכ-גענעצט מיטן בלוט פון אייגענעם צעקראַצטן קערפּער און פון די פּאַראַזיטן צוריק אַרויפגעצויגן אויף זיך, און די לייז האָבן דערפילט די וואַרעמקייט פון לייב, האָבן זיי אויפסניי אָנגעהויבן פייניקן דעם קערפּער; די לייבער פון די געפאַנגענע האָבן אויסגעזען ווי מאַפּעס — אַ כויש די בלויע צייכנס פון די גומי-שטעקנס, האָט יעדער מיט די נעגל פון די פינגער צעקראַצט זיין לייב, פּאָטער צו ווערן פון די בייסענישן.

ביינאַכט האָט מען ניט געקענט רוען. דאָס איז געווען פאַר די געפאַנגענע אַ שרעקלעכע פּלאָג; אַ טויט-מידן, פון אַ גאַנצן טאָג שווערע איבערמענטש-לעכע אַרבעטן, האָבן די לייז נישט געלאָזט ביינאַכט שלאָפן. אין יעדער קאַמער זענען די געפאַנגענע אין מיטן דער נאַכט געזעסן אויף די שטרויזעק, נאַקעטע, מיט פאַרשלאָפענע אויגן, געקראַצט און געריסן שטיקער פלייש פון די לייבער און געקוילעט די לייז...

די „גרעסטע מילכאָמעס" מיט די לייז האָט מען געפירט אין אָוונט, נאָך דער אַרבעט. יעדער האָט געוואָלט אויסהאַרגענען זיינע לייז פאַרן שלאָפן גיין. אַזוי ווי די קאַמערן זענען געווען שוואַך-באַלויכטן, האָט מען זיך באַמיט וואָס פריער צו פאַרכאַפּן אַ פּלאַץ ביי דער אָפענער טיר, קעדיי צו געניסן פון דער בעסערער ליכט פון קאָרידאָר. אין די קאַמערן זענען ביי די אָפענע טירן געשטאַנען צונויפגעדריקט די 20-15 פּערזאָן, יעדער מיט זיינע פּאַרלוויזיקטע וועש אין האַנט און געקוילעט לייז...

די מילכאָמעס מיט די לייז האָבן די געפאַנגענע אַ נאָמען געגעבן „פּרעסע-איבערזיכט" („פּשעגלאָנד פּראַסי" אין פּויליש) אין בערעזע איז פאַרבאָטן די געפאַנגענע צו לייענען וועלכעס ס'איז געדרוקט וואָרט (אויסער עטלעכע בי-כער, וואָס לויבן און רימען די העלדנטאַטן פון די סאַנאַציע-פירער. —און דאָס אויך נאָר 2 שאָ זונטיק) — איז אַנשטאָט צייטונגען האָט מען יעדן אָוונט געמאַכט אַן איבערזיכט איבער די פּאַרלוויזיקטע וועש... טייל האָבן איינגע-שטעלט 7 טעג קאַרצער — געגאַנוועט אַ ביסל נאַפט און אויסגעשמירט דעם קערפּער, קעדיי צו פאַרטיליקן די לייז. טייל האָבן „צוגעהאָלפן" אַנדערע מאָרדן די פּאַראַזיטן. אָפטמאָל, בעיים די געפאַנגענע זענען געווען פאַרטון מיט יאַגד אויף די לייז, האָט זיך דערהערט אַ פייף. די סאַדיסטישע פּאָליציאַנטן פלעגן דאָס ספּעציעל טון קעדיי צו שטערן די געפאַנגענע צו פאַרטרייבן די לייז. די טאַליאָנים האָבן זיך נישט באַגנוגנט מיטן האַלטן לאַנגע מינוטן די געפאַנגענע מיט די פּאַרלייזיקטע וועש אין די הענט אויף „באַטשנאָשטש", נאָר האָבן זיי

אַרויסגעטריבן פון די קאַמערן אַראָפּ, אויפן פעלד, און ווער עס האָט נישט באַוויזן זיך אָנצוטון, האָט באַקומען בעייסן לויפן איבערן נאַקעטן לייב גומי-פּאַלקעס...

די אַדמיניסטראַציע האָט איינגעאָרדנט אַן איזאָלאַציע-קאַמער פאַר איינ-צעלנע פאַרלייזיקטע געפאַנגענע (אין דער צייט, ווען אַלע געפאַנגענע זענען גע-ווען פאַרלייזיקט). אָנקומען אין איזאָלאַציע-קאַמער איז נישט געווען לייכט. איז אַ געפאַנגענער נישט געפעלן געוואָרן דעם קאָמענדאַנט מאַרקאָווסקי, איז פאָר-געקומען אַזאַ סצענע:

— הער קאָמענדאַנט! דער אַרעסטירטער, נומער... מעלדעט געהאָרכזאַם, אַז ער איז פאַרלייזיקט, און בעט געהאָרכזאַם אַ דערלויבעניש זיך איבערצו-טראָגן אין איזאָלאַציע-קאַמער.

מאַרקאָווסקי האָט געלאַסן אַרויסגעצויגן דעם גומי-שטעקן פון שייטל, און אין אַ שטילן דעליקאַטן טאָן זיך געוואָנדן צום געפאַנגענעם:

— דו האָסט לייז? ס'בייסט דיך? דו ווילסט אין איזאָלאַציע-קאַמער? איך האָב אַ גוט מיטל צו פאַרטרייבן לייז! — און געשלאָגן מיטן גומי-שטעקן איבער דער פּלייצע פון געפאַנגענעם.

און צום סאָף פרעגט מאַרקאָווסקי: — נו, פילסט נאָך איצט די לייז? ס'איז גוט געווען מיין רעצעפּט, די לייז זענען זיך צעלאָפן? ביעגעם, צוריק אין קאַמער אַריין!

יעדע וואָך פירט מען די געפאַנגענע אין באָד, וואָס געפינט זיך אין לאַגער, אָבער קיינמאָל האָבן די געפאַנגענע נישט קיין מעגלעכקייטן זיך ווי געהעריק אָפּצוּוואַשן, אַפילע אין באָד איז אויך איינגעשטעלט דער טעמפּאָ, דאָס יאָגן „ביעגעם". שנעל מוז זיך דער געפאַנגענער אויסטון, שנעל זיך וואַשן און שנעל זיך אָנטון די מאַלבישים.

אַכט מינוט צייט איז געגעבן געוואָרן אויף צו וואַשן דעם קערפּער און די וועש. קען מען זיך שוין פאָרשטעלן, ווי דאָס וואַשן איז אַרויסגעקומען. מען פלעגט נישט באַווייזן אַרומצוּוואַשן דעם קערפּער און איינצונעצן די וועש און שוין הערט זיך אַ פייף, באַלד אַ פּאָליציייאישער באַפעל: „ענדיקן דאָס וואַשן!" די וועש איז געבליבן נאַס און שמוציק, ווי פאַרן וואַשן, און די לייז האָבן ווייטער געלעבט.

ערשט אין כוידעש פעברואַר 1935, ווען די לייז האָבן זיך אין לאַגער גע-האַט אַזוי פיל פאַרשפּרייט, אַז זיי האָבן שוין אָנגעהויבן צו באַדראָען דאָס פּאָ-ליציי-פּערסאָנאַל פון לאַגער — ערשט דעמאָלט איז אַדורכגעפירט געוואָרן אַ דעזינפעקציע אין לאַגער. מ'האָט אָנגעהויבן צו וואַשן די וועש אין דער וועש-שעריי פון לאַגער.

אויך די דעזינפעקציע איז געווען אַדורכגעפלאָכטן מיט סאַדיזם. אין ווינטערדיקע, פראָסטיקע טעג האָט מען אַראָפּגעצויגן די וואַרעמע מאַלבישים פון די געפאַנגענע, געגעבן זומער-קליידער און אַרויסגעיאָגט אין פראָסט צו דער אַרבעט. 2 וואָכן צייט האָט מען מוירעדיק געפרירט ביז מ'האָט צוריק באַקומען די מאַלבישים. די געפאַנגענע מיט זייערע דעזינפעקטירטע מאַלבי-שים זענען אַרויסגעטריבן געוואָרן אויפן קאַזאַרמע-הויף און יעדער האָט גע-בראַכט צו „קוורע" זיינע פאַרסאַמטע לייז...

# מיהיט אַפּ די „היגיענע".

וועגן דעם, ווי אזוי עס זעען אויס די היגיענישע באַדינגונגען פון די געפאַנגענע אין בערעזע, האָבן מיר רעדצייכט אינם קאַפּיטל „די קריזן". פונדעסטוועגן שטערט דאָס נישט די ראַצבים זאָגן טרייבן דעם ציניזם קוויזעק און אויספירן קאַלעריי פייניקונגען פאַר מיקראָ-מערשטן „נישט אַפּהיטן די היגיענע"...

יעדער געפאַנגענער באַקומט אַ מיליטערישע מענאַשקע. די מענאַשקע דינט, סיי אויף וואַסער, צו וואַשן זיך דאָס פּנים און הענט, סיי... אַלס „סערוויז" צום עסן און, ווען אַ געפאַנגענער ווערט קראַנק אויפן האַלדז, אָדער אַנדערע קראַנקייט, און ער באַקומט אַ שווענקעכץ, נוצט ער דערצו די זעלבע מענאַשקע...

נאָך יעדן עסן ווערט די מענאַשקע אויסגעוואַשן. אזוי ווי עס איז פאַרבאָטן צו באַזיצן וועלכע ס'איז שמאַטע, אָדער אַנדער געוואַנט, וואָס קען דינען אויסצווישן אויף טרוקן די נאַסע בלעכענע מענאַשקע, בעמיילע קלויבט זיך אָן אויף אַ סאַך מענאַשקעס זשאַווער.

ס'איז ווינטער אין אָונט. אין דרויסן אַ שטאַרקער פראָסט. די געפאַנגענע זענען נאָר וואָס געקומען פון דער אַרבעט. מען לייגט אַנידער די מידע ביינער אויף דער אַספאַלט-פּאַדלאָגע.

ס'הערט זיך אַ פייף. אלע שטייען אויף „באַטשנאָשטש". באַלד קומט אַ באַפעל:

— אַלע אַרעסטירטע מיט די מענאַשקעס אין די הענט, אַרויסגיין אין קאָרידאָר!

די געפאַנגענע ווייסן שוין, אַז מ'וועט קאָנטראָלירן צי די מענאַשקעס זענען ריין.

אלע געפאַנגענע שטעלן זיך אויס אין קאָרידאָר יעדער מיט זיין מענאַשקע אין האַנט. פּאָליציי מיט עלעקטרישע לעמפּלעך קוקן אַריין אין די מענאַשקעס. גאָר גוט קוקן זיי אויפן געזיכט פון אייגנטימער פון דער מענאַשקע. איז דאָס אַ פּנים פון אַ קאָמוניסט און ווער שמעקט נאָך אַ יידיש פּנים, זיין גורל איז אַלע מאָל אין די רייע פון די „נישט היגיענישע מענאַשקעס"... צו דער רייע קומען נאָך צו אַ ביסל אוקראַיִנישע נאַציאָנאַליסטן.

„ריינע מענאַשקעס" האָבן אַלע מאָל די פּוילישע נאַראָ-לייט און אַן אַנגעזעענער טייל פון די אוקראַיִנישע נאַציאָנאַליסטן, וועלכע באַנפענען זיך גוט אונטער דער אַדמיניסטראַציע.

אָפּגעפאַרטיקט זיך מיט דער קאָנטראָל, ווערן די טייל געפאַנגענע ביי וועמען ס'איז פעסטגעשטעלט געוואָרן „נישט ריינע מענאַשקעס", אַראָפּגעטריבן אויפן הויף. ס'ווערט זיי באַפוילן:

— אין 5 מינוט אַרום זאָלן די מענאַשקעס בלאַנקען!

אזוי ווי קיין שמאַטעס טאָר מען נישט באַזיצן און פּוצן אַז ס'זאָל בלאַנקען מוז מען, רייבט יעדער זיין מענאַשקע מיטן ברעג פון זיין העמד... מיטן שאָל, וואָס וויקלט אַרום דעם האַלדז, מיט אַן אַרבל פון זיין מאַרינאַרקע, אָדער מיט די פאַרשמוצטע, פאַרשוויצטע אָניצעס, וועלכע מ'שלעפּט אַראָפּ פון די פיס...

נישט אַלעמאָל געפינט מען זיך אין אַזאַ „גליקלעכער לאַגע", אַז ביים

ערשטן מאָל אויספּוצן די מענאַשקע, זאָל דאָס געפעלן דעם פּאָליציאַנט. אָפּטמאָל מוז מען זיך אומקערן אויפן הויף אַ צוויי-דריי מאָל און צום סאָף אויסהערן אַ לעקציע „היגיענע“ פון פּאָליציאַנט:

— דו חורישער זון! דו ביקו! דו „אָפּערמע“! מיר וועלן דיך דאָ אויסלערנען היגיענע!

יעדן פאַרטאָג, נאָכן פרישטיק און אָפּפּאַרטיקן אַלע איבעריקע קלייניקייטן, די געפאַנגענע געפינען זיך אין די קאַמערן און וואַרטן אויפן פייפל אַרויסצולויפן צו דער „זביורקע“. אָבער אַפילע אין דער דאָזיקער פויזע, וואָס דויערט סאַך האַקל עטלעכע סעקונדן, לאָזט מען אויך נישט צו רו די געפאַנגענע.

דער סאַדיסטישער פּאָליציאַנט וויעטשאָרעק, וועלכער איז געווען אַ געווויסע צייט קאָמענדאַנט איבערן ארעסטאַנטן-בלאָק האָט איינגעפירט, אַז אין דער אויבנדערמאָנטער צייט, מוזן אַלע געפאַנגענע אין יעדער קאַמער, אַרונטערלייגן זיך אונטער איין זייט פּריטשע. שפּאַצירנדיק אונטער דער פּריטשע, האָט מען געמוזט אויפקלויבן די אַראָפּגעפאַלענע פון די שעניקעס שטיקלעך שטרוי... די געפאַנגענע האָבן זיך דערביי פאַרמאַטערט, אויסגעשמוצט מיט פויל שטויב די אַזוי אויך שמוציקע מלבושים. דערפאַר האָבן אָבער די געפאַנגענע אָפּגעהיטן די „היגיענע“ און אויפגעקליבן די שטיקלעך שטרוי...

## דער „שטראָף-ראַפּאָרט“

טאָג-טעגלעך, אין די פינצטערע, גרויע פאַרטאָגן, ווען די געפאַנגענע ווערן, ווי די הײמלאָזע הינט, אַרויסגעטריבן צו דער „זביורקע“, קומט פאָר דער „שטראָף-ראַפּאָרט“. געפאַנגענע צום שטראָף-ראַפּאָרט פעלן קיינמאָל ניט אויס. זעלטן, זעלטן, אַז עס זאָל זיך אָנפאַנגען אַ טאָג אין בערעזע אָן אַ „שטראָף-ראַפּאָרט“, אַלעמאָל זענען פאַראַן „זינדיקע“.

דער אינספּעקטאָר יוזעף קאַמאַלאַ, האָט אַ באַזונדערע האַנאָע פון אַ שטראָף-ראַפּאָרט, אָן פאַרזינדיקטע געפאַנגענע איז בײַ איִם קיין „טאָג“ ניט.

ווען יוזעף קאַמאַלאַ דרינגט אַריין אין דעם מיט שטעכיקן דראָט פאַרצוימטן קאַזאַרמע-הויף פון די געפאַנגענע און ער דערזעט פון ווייטנס די אויסגעשטעלטע רייען פון די פאַרזינדיקטע געפאַנגענע צום שטראָף-ראַפּאָרט, דאַמאָלס באַווייזט זיך אויף זיין צעקנייטשט פּאָנים אַ שמייכל פון... צופרידנקייט. וואָס לענגער עס ציט זיך די ריי פון די זינדיקע, אַלץ לענגער הוט דער שמייכל אויף זיין געזיכט. מיט שנעלע טריט דערנענטערט ער זיך צו די געפאַנגענע, וועלכע וואַרטן אויף דער... גערעכטיקייט פון קאָסטעק ביערנאַצקי, וועמענס אויספירער ס'איז דער פּאָליציי-אינספּעקטאָר יוזעף קאַמאַלאַ.

דער נוסעך פון שטראָף-ראַפּאָרט איז שוין אַ באַשטימטער און אויסגעלערנטער.

דער געפאַנגענער שטעלט זיך אויף „באַטשנאָשטש“ און ווענדעט זיך צו קאַמאַלאַן:

— הער אינספּעקטאָר!

דער אַרעסטירטער... מעלדעט זיך געהאָרכזאַם צום שטראָף-ראַפּאָרט... פאַר טאָן אַ שמייכל.

אָדער: הער אינספּעקטאָר!

— דער ערעסטירטער... מעלדעט זיך צום ראפּאָרט, ווייל כ'האָב מיטגענומען צו דער אַרבעט אַ שטיקל ברויט אין קעשענע. ווייל כ'האָב אויסגעבאָרגט מיין סוועטער אַ צווייטן געפאַנגענעם.

און קאמאלאַ באַשטראָפט:

מען באַשטראָפט פאַר ניט שטיין אויסגעצויגן, ווי אַ דראָט, אויף „באַטשנאָשטש". פאַר ניט מעלדן זיך, פאַר אויסרעדן אַ וואָרט צו אַ צווייטן געפאַנגענעם, פאַר געפונען ביי אַ געפאַנגענעם אַ שטיקל צייטונג, אַ שטיקל פּאַפּיר, אַ שטיקל פאָדים, אַן אָפּגעריסן קנעפּל.

מען באַקומט קאַרצער פאַר „ניט שנעל לויפן", פאַר „פוילקייט צו דער אַרבעט", און אין בערעזע הייסט דאָס: ווען אַ געפאַנגענער, נאָך לאַנגע שאָען שטיין איינגעבויגן און גראָבן די ערד, דערוועגט זיך אַ מינוט אויסצוגלייכן דעם רוקן.

מען באַשטראָפט פאַר ניט צוקנעפּלען אויף אַלע קנעפּלעך דעם מאַנטל, פאַר אָנלענען דעם פיס אויף דער „פּריטשע" ביים פאַרבינדן די שיך-בענדלעך, פאַר זיצן אויפן שטרויזאַק, פאַר אויפשטעלן זיך אויף אַ סעקונדע דאַן ווען עס איז פאַראַן אַ באַפעל צו זיצן.

מען באַשטראָפט פאַר באַניין אַזעלכע „זינד" ווי איינדרימלען בייטאָג אין קאַמער, פאַר אַוועקגעבן אַ צווייטן געפאַנגענעם אַ שטיקל ברויט, פאַר אויפהויבן פון דער ערד, לעמאָשל, דאָס אַראָפּגעפאַלענע אייגענע האַנטוך געיענדיק פון באָד.

מען וואַרפט אַריין אויף לאַנגע טעג קאַרצער פאַר אויסבאָרגן אַ געפאַנגענעם אַ סוועטער, ווען ער דאַרף גיין אין קאַרצער. פאַר געבן אין קאַרצער אַריין אַ שטיקל ברויט אָדער אַ קוק טאָן דורך דער „וויזיטערקע", פאַר באַזאָרגן דעם געקומענעם פון קאַרצער מיט אַביסל זופּ.

מען באַשטראָפט פאַר ניט גיין לויטן מיליטערישן סיידער מיטן לינקן פוס, פאַר אַרויסלויפן פון קאַמער אין קלאָזעט, מעג אַפילו דער געפאַנגענער צעפּלאַצט ווערן, אָדער גאָר פאַרקערט, פאַר בלייבן אין קאַמער ווען מען באַפעלט לויפן אין קלאָזעט מעג דער געפאַנגענער דאַמאָלס ניט האָבן קיין נאַטירלעכן געברויך.

מען באַשטראָפט פאַר נעמען אַ טאָפּלטע פאַר שקאַרפּעטן פון אייגענעם דעפּאָזיט, פאַר אַריינכאַפּן אַ שטיקל צוקער אין מויל, וואָס מען געפינט צווישן די אייגענע זאַכן. פאַר טאָן אַ בליק, אַ ווונק, פאַר אומקערן זיך אין דער ריכטונג, וווּ ס'גייט אַ ציווילער מענטש.

מען באַשטראָפט אויך פאַר ניט מאַכן גענוי און פּינקטלעך די פּייניקונגגימנאַסטיק, מען גייט אין קאַרצער אַריין פאַר אויסקראַצן פון קעסל אַביסל זופּ צו שטילן דעם הונגער, פאַר ניט אָננעמען אַפילו לאָפּאַטע ערד, פאַר ניט שטיין גלייך אין דער ריי.

דער פּראָלעטאַרישער געפאַנגענער פון וואַרשע, יעראַכמיעל בלאַנק, איז אַבוץ לאַנגע טעג קאַרצער, מיט געווויסע איבעררייסן, איינמאָל געזעסן אין קאַרצער, אָן איבעררייס, 21 טעג. די ערשטע טעג קאַרצער האָט ער באַקומען פאַר דערלאַנגען אַ שטיקל קעז אַ צווייטן געפאַנגענעם, וועלכער האָט זיך געפונען אין קאַרצער (דריי מאָל אין דער וואָך באַקומען די געפאַנגענע צו דריי דעקאַ קעז).

די צווייטע 7 טעג קאַרצער האָט דער דערמאָנטער באַקומען פאַר „סימולירן אַ קראַנקייט". זיצנדיק די ערשטע 7 טעג האָט ער באַקומען אין פּינצטערן קאַרצער אַ נערוון-אַטאַק. ס'איז געקומען דער פעלדשער פון לאַגער און

האָט פעסטגעשטעלט, אַז בלאַנק איז „געזונט". מען האָט אים אַפילע קיין טראָפּן וואַסער ניט צוגעלאָזט (ער האָט דעם טאָג געהאַט טאָגעם).

די דריטע 7 טעג האָט ער באַקומען דערפאַר, ווייל בעייסן אָפּקומען די צווייטע שטראָף, האָבן אים אַרבעטער אַריינגעוואָרפן אין קאַרצער אַ שטיקל ברויט און אַזוי ווי בלאַנק האָט ניט געמאַסערט די אַריינוואַרפער, נאָר ער האָט דאָס שטיקל ברויט אויפגעגעסן, האָט אים דער אינספּעקטאָר באַשטראָפט פאַר געהערן צו דער קאָמונע.

דער דערמאָנטער בלאַנק איז פון דער נאַטור אַ הויכער, פעסטגעבויטער מיט ברייטע פּלייצעס. ווען ער איז אַרויס נאָך 21 טעג זיצן אין קאַרצער איז אים ניט געווען צו דערקענען, אַ געל געזיכט, מיט אַן איינגעבויגענעם רוקן, קוים וואָס ער האָט געשלעפּט די פיס, צוליבן לאַנגן הונגערן האָט ער אַפילע עסן ניט געקענט.

אַ ווייסרוסישער אַרבעטער וויקטאָר יערעמעטשיק, אַ האַרץ-ליידנדיקער, וואָס איז אַפילע פעסטגעשטעלט געוואָרן דורכן דאָקטאָר פון לאַגער, האָט באַקומען 7 טעג קאַרצער, יעדן צווייטן טאָג פאַסטן, דערפאַר וואָס ער האָט גענומען אַ פאַפּיראָס, וואָס האָט זיך געפונען צווישן זיינע אייגענע זאַכן... דער קאַרצער האָט אַזוי אונטערגעבראָכן דעם אַזוי אויך שוואַכן געזונט פון דערמאָנטן אַרבעטער, אַז עטלעכע טעג נאָכן אומקערן זיך פון קאַרצער, איז ער אַ געשוואָלענער, מיט אַ געל געזיכט, אָפּגעשיקט געוואָרן אין שפּיטאָל אַריין קיין קאָברין.

דער אינספּעקטאָר באָלעסלאַוו גרעפּנער האָט באַפוילן אַריינצוזעצן אויף 6 טעג קאַרצער זאָלאָטאָוון, דערפאַר, ווייל אין אַ בריוול צו זיין פרוי האָט זאָלאָטאָוו געבעטן מען זאָל אים שיקן אַ וואַרימע מאַרינאַרקע, וואָס זאָל זיין „געבעט מיט וואַטע".

— דו הייסט דיר שיקן אַ מאַרינאַרקע אויסגעבעט מיט וואַטע — האָט גרעפּנער געשריגן צו זאָלאָטאָוון — דו ווילסט זיך באַשיצן פון די גומענע שטעקנס און דערציילן אין דער עפנטלעכקייט, אַז מען שלאָגט... דו הינטישער יידישער קאָמוניסט! דו וועסט שוין פון דאַנען ניט אַרויס קיין לעבעדיקער!

דאָס „באַליבטע קינד" פון באָלעסלאַוו גרעפּנער — דער סאַדיסט מאַר־קאָווסקי — האָט זיך באַלד גענומען צו זאָלאָטאָוון און אים מוירעדיק גע־פייניקט.

דער יונגער שניידער-אַרבעטער פון דערפל דזשאָטלאָוויץ, נעבן לונינעץ, ניט ווייט פון דער סאָוויעטישער גרענעץ, לייזער כאַראַפּקאָ, געפינט זיך אין בערעזע זינט דער אַנטשטייונג פון לאַגער. ער האָט באַלד אין אָנפאַנג דורך אַ מעסירע פון אַן אוקראַינישן נאַציאָנאַליסט באַקומען 3 טעג קאַרצער פאַר „קאָמוניסטישע פּראָפּאַגאַנדע".

צווישן די צענדליקער טעג, וואָס כאַראַפּקאַ האָט אָפּגעפינצטערט אין קאַרצער, איז ער איינמאָל געזעסן 5 טעג, ווייל גייענדיק פון באָד האָט ער אויפגעהויבן פון דער ערד אַ שטיקל זייף, וואָס איז אים אַראָפּגעפאַלן...

דער לעמבערגער שניידער-אַרבעטער לייב לעבלאַנג, וועלכער איז געווען אין בערעזע נאָר 5 כאַדאָשים, האָט אין זיין צייט געשלאָגן רעקאָרד אַלס לענגסטער „זיצער אין קאַרצער". איינמאָל האָט אים גרעפּנער באַשטראָפט מיט 5 טעג קאַרצער פאַר... ניט אַרויסזאָגן גענוג הויך די צאָל 10 (ביים באַפעל: אָפּציילן!).

אַ ספּעציעל „אויג" האָט גרעפּנער געהאַט אויף דעם יונגען אַדוואָקאַט־אַפּליקאַנט יאָסעפּסבערג פון דראָהאָביטש. דער דאַזיקער איז אין בערעזע מוירעדיק געפייניקט געוואָרן. די סיבע פון פייניקן יאָסעפּסבערגן זאָל זיין

דאָס, וואָס בעיים מען האָט אים געפירט צום באַן אָפּצושיקן קיין בערעזע, האָט ער געשריגן אויף דער גאַס: „איך וועל אין קאָנצענטראַציע-לאַגער ניט גיין!“.

האָט אים גרעפּנער „געוויזן“, וואָס עס הייסט דאָס אַזעלכעס „ניט וועלן גיין אין לאַגער“. איינמאָל איז דערדאָזיקער יאָסעפּסבערג באַשטראָפט געוואָרן מיט 5 טעג קאַרצער ווינטערצייט, ווייל שיילנדיק קאַרטאָפל האָט ער אויסער די שוין באַשטימטע צאָל, אָפּגעשיילט נאָך עטלעכע קאַרטאָפל, וועלנדיק דער-מיט גרינגער מאַכן די וואַסערדיקע זופּקע...

דער 50-יעריקער מויערער-אַרבעטער פון לעמבערג, טעאָפיל יאַבלוינסקי, האָט באַקומען 5 טעג קאַרצער דערפאַר, ווייל אַרבעטנדיק אויפן שאָסיי האָט ער ניט מיט גענוג אונטערטעניקייט געענטפערט אַ פּאָליציאַנט אויף אַ באַ-מערקונג וועגן דער אַרבעט. מען האָט יאַבלאָנסקין גלייך אויפן שאָסיי גע-שמידט אין קייטן, אָפּגעפירט אונטער אַ שטאַרקער וואַך אין לאַגער אַריין און אים אַריינגעוואָרפן אין קאַרצער.

דער געפאַנגענער, דאָקטאָר מעדיצין כייעם רודעל, וועלכער געפינט זיך אין בערעזע זינט דעם 1-טן אויגוסט 1934, איז ביים אָנקומען אין לאַגער אומ-געהייער געפייניקט געוואָרן פון מאַרקאָווסקין. שפּעטער, אין די כאַדאָשים אַפּריל, מאַי, יוני, יולי 1935, איז דער דערמאָנטער געפאַנגענער די גרעסטע טייל טעג פון די כאַדאָשים אָפּגעלעגן אין „קאַרצער“ און אין „אַרעסט“.

אַזאַ ענלעכער פאַל איז אויך געשען מיט דעם קוילנגרעבער-אַרבעטער נאַגישעווסקי פון קראַסנע, וועמען די אַדמיניסטראַציע האָט גערוידעפט.

דער לערער ליבער מושינסקי פון וואַרשע, פאַר אָפּענטפערן דעם פּאָלי-ציאַנט מאַלינאָווסקי אַז ער, מושינסקי, איז נישט קיין „פּשעקופּקע“, ווי ס'האָט אים אָנגערופן דער פּאָליציאַנט, האָט באַקומען 7 טעג קאַרצער פאַר... „שטעלן זיך קעגן דער מאַכט“. אָפּקומענדיק די שטראָף אין קאַרצער, האָט מו-שינסקי אָנגעשפאַרט זיין קערפּער אין דער הילצערנער שוועל, האָט ער פאַר דער „זינד“ באַקומען נייע 5 טעג „אַרעסט“, ווו ער איז איבערגעפירט געוואָרן גלייך נאָכן ענדיקן די זיבן טעג קאַרצער.

אין בערעזע איז דער געפאַנגענער באַרויבט פון יעדע מין רעכט. ביים שטראָף-ראַפּאָרט עקזיסטירט ניט קיין שום פאַרטיידיקונג אָדער אויפקלערונג. וויל אַ געפאַנגענער ענטפערן זאַכלעך אויף דער באַשולדיקונג אָדער אויפ-קלערן, אַז ס'איז ניט ריכטיק דאָס, וואָס מען וואַרפט אים פאָר, באַקומט ער אַנשטאָט 5 טעג „אַרעסט“ — 7 טעג „קאַרצער“. אין בערעזע איז איינגע-שטעלט אַזוי, אַז אויף אַלעמען דאַרף דער געפאַנגענער ענטפערן „טאַק יעסט!“ (אַזוי איז עס).

אין בערעזע איז נאָך ניט געווען קיין פאַל, אַז אַ געפאַנגענער, וואָס ווערט באַשולדיקט דורכן וואַך-פּאָליציאַנט, זאָל באַפרייט ווערן פון שטראָף (מעג אַפילע זיך קלאָר אַרויסווייזן, אַז די באַשולדיקונג איז ניט קיין ריכטיקע). שטענדיק און ביי יעטווועדן פאַל איז גערעכט דער פּאָליציאַנט.

אַ באַוווסטער סאַדיסט פון בערעזע, דער פּאָליציאַנט פּאַסאַווסקי, האָט זיך אויסגעדריקט צו די געפאַנגענע:

— דאָ אין בערעזע איז ניט פאַראַן ניט קיין גאָט און ניט קיין מענטשן, דאָ עקזיסטירן נאָר מיר, פּאָליציאַנטן...

איינמאָל איז צום שטראָף-ראַפּאָרט געשטעלט געוואָרן דער אוקראַינישער נאַציאָנאַליסט עמיל מאַטליי. זיין „כעט“ איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס, אָפּ-קומענדיק אַ שטראָף אין „אַרעיט“, האָט ער בעייסן עסן דאָס ביסל וואַסער-

דיקע זופּ, זיך אוועקגעזעצט אויף דער פּאָדלאָגע און אָנגעשפּאַרט זיין פּלייצע אין דער אויפגעשטעלטער האָלצערנער „פּריטשע" (אויף דער „פּריטשע" קען מען שלאָפן נאָר ביינאַכט, בייטאָג איז פאַרבאָטן די „פּריטשע" אָנצורירן). ביים שטראָף-ראַפּאָרט מעלדעט זיך מאַטליי צום אינספּעקטאָר, אַז ער שטעלט זיך געהאָרכזאַם צום שטראָף-ראַפּאָרט פאַר „אָנשפּאַרן די פּלייצע אין דער פּריטשע".

דערויף פרעגט אים דער פּאָליציי-אינספּעקטאָר יוזעף קאַמאַלאַ:

— וועלכער אינטעליגענטער מענטש שפּאַרט אָן די פּלייצע ביים עסן?

מאַטליי האָט פאַר דער „זינד" באַקומען 7 טעג קאַרצער.

☘

דער אויסוואורף מאַרקאָווסקי איז אַבוץ אַ סאַדיסט קעגן די געפאַנגענע, אויך געוועזן דער „האָנאָר"- (קאָוועד) אָפּהיטער פון די פּאָליציאַנטן אין בע-רעזע.

ער האָט איינגעפירט, אַז ביים שטראָף-ראַפּאָרט מוז דער געפאַנגענער צו-שטימען, אַז דאָס אַלץ, וואָס דער פּאָליציאַנט באַשולדיקט אים, איז „ריינער עמעס".

געוועזן אַ פאַל, ווען אַ פּראָלעטאַרישער געפאַנגענער האָט בעייסן שטראָף-ראַפּאָרט אָפּגעלייקנט פאַרן אינספּעקטאָר דאָס אַלץ וואָס דער פּאָלי-ציאַנט האָט אים באַשולדיקט.

ווי טאָמיד, האָט יוזעף קאַמאַלאַ באַשטראָפט דעם געפאַנגענעם און גע-געבן גערעכט דעם... פּאָליציאַנט. דער פּאָליציאַנט האָט זיך אָבער קאָמפּראָ-מעטירט, ווייל אַלע האָבן זיך איבערגעצייגט, אַז דער פּאָליציאַנט האָט גע-זאָגט שעקער...

אַזאַ „כוצפּע" פון אַ קאָמוניסטישן געפאַנגענעם האָט מאַרקאָווסקי נישט געקענט פאַרשווייגן.

אויף צומאָרגנס, פאַרטאָג, ווען די געפאַנגענע האָבן אויסגעפירט „גימ-נאַסטיק", דער פּראָסטיקער שניי האָט געסקריפּעט אונטער די פיס-טריט, האָט מאַרקאָווסקי אויסגעזוכט דעם „ווידערשפּעניקסטן" פּראָלעטאַרישן געפאַנ-גענעם, ער איז צו אים צו אינמיטן מאַרשירן און מיט דער פויסט דערלאַנגט עטלעכע קלעפּ אונטערן האַרץ.

דער ראַצכישער צאָרן האָט זיך נישט געשטילט. מאַרקאָווסקי איז נאָכ-אַמאָל צוגעגאַנגען צו דעם געפאַנגענעם, אים אַרויסגעשלעפּט פון די רייען און די רעשט געפאַנגענע באַפוילן:

— ווייטער מאַרשירן!

מאַרקאָווסקי האָט דעם קאָרבן אַנידערגעוואָרפן אויף דער פּראָסטיקער ערד, געקאָפּעט מיט די שטיוול, צוגעשלעפּט צו דער אַלטער, צאַרישער קאַזאַר-מע-מויער, אָראָפּגעריסן פון דעם געפאַנגענעם דאָס היטל, אָנגעכאַפּט דעם קאָפּ פאַר די האָר און געקלאַפּט אין דער האַרטער, קאַלטער קאַזאַרמע-וואַנט... שנירלעך בלוט האָבן גערינען, נאָך רויטער געמאַכט די ציגל-מויער... און באַשפּריצט דעם ווייסן, פּראָסטיקן שניי אין בערעזע.

אויפן מיזרעך האָט זיך באַוויזן די רויטע, צעפלאַמטע, אויפגייענדיקע זון — ס'איז געווזן פרייטיק דעם 28-טן דעצעמבער 1934 — אַ פאַרטאָג אין פּוילישן קאָנצענטראַציע-לאַגער — קאַרטוז-בערעזע...

# דער „קאַרצער“ און דער „אַרעסט“

צו זיין אַ געפאַנגענער אין בערעזע און צו אויסמיידן קאַרצער — דאָס איז אַן אומעגלעכע זאַך. „קאַרצער-אַרעסט“, דאָס איז גרויל-געהענעם אין גע־הענעם.

דער גרעסטער טייל „איינוווינער“ פון קאַרצער און אַרעסט זענען די קאָמוניסטן, קעגן וועלכע די אַדמיניסטראַציע ווענדעט אָן דעם שטרענגסטן טעראָר. ווען אַ געפאַנגענער פאַלט אַריין אין קאַרצער, קומט אים ניט אַזוי גרינג אָן פון דאָרט אַרויסצוגיין. נאָך פאַרן אָפּקומען זיין ערשטע שטראָף, „פאַרדינט“ ער זיך אַ צווייטע.

ווי נאָר ער ענדיקט זיינע ערשטע 7 טעג קאַרצער, (די קלענסטע שטראָף איז 5 טעג), פאַרבלייבט ער גלייך אויף נאָך 7 טעג. ס'זענען געווען אַזעלכע פאַלן ווען קאָמוניסטן האָבן „שפּאַצירט“ פון קאַרצער אין אַרעסט אַריין — אָדער פאַרקערט פון אַרעסט אין קאַרצער אַריין. עס זענען געווען קאָמוניסטן, וועלכע זענען געזעסן אין קאַרצער צו 40, 60, 70 און 80 טעג אין פאַרלויף פון 15 כאַדאָשים.

דעם „רעקאָרד“ פון זיצן אין קאַרצער האָט געשלאָגן דער פּראָלעטאַרישער געפאַנגענער שמיל קאַפּטור, וועלכער האָט אָפּגעפינצטערט 103 טעג אין קאַרצער, וואָס באַטרעפט אַ דריטל פון דער צייט וואָס ער האָט זיך געפונען אין בערעזע.

דער פליישער-אַרבעטער פון וואַרשע, לייב פעלדבלום, איז אין מעשעך פון איין יאָר זיך געפונען אין בערעזע אָפּגעלעגן העכער 70 טעג אין קאַרצער אַ כוץ קאַרצער האָט אים גרעפנער באַשטראָפט מיט 5 טעג הונגער פאַר נישט אַרויסזאָגן גענוג דייטלעך דאָס וואָרט „קאַרטוז-בערעזע“.

דאָס ערשטע האַלבע יאָר האָט זיך דער קאַרצער געפונען אין אַן אָפּגע־זונדערטע געביידע, אַרומגעצוימט מיט אַ פאַרקן פון שטעכיקע דראָט און באַ־וואַכט פון פּאָליציי. די געביידע איז געווען אַן אַלטע, אָן אָפּגעלאָזענע, בעאיים אויפן אָרט פון איצטיקן קאָנצענטראַציע-לאַגער האָט זיך געפונען מיליטער, איז אַ טייל קאַמערן פון דער געביידע באַנוצט געוואָרן אַלס „מייסים-שטיבל“ פאַר די פאַרשטאָרבענע סאָלדאַטן. די געביידע איז איינגעגראָבן אין דער ערד. ביים אַריינגאַנג אין די קאַמערן מוז מען אַראָפּגיין אויף עטלעכע צעבראָ־כענע טרעפּ. אין אַ טייל קאַמערן זענען אַפילע קיין אַספאַלט-פּאָדלאָגעס אויך נישט פאַראַן. די פּאָדלאָגעס באַשטייען פון צעשאָטענע ערד. אין די קאַמערן איז זייער שמוציק, אָנגעשאָטן מיט מיסט, שטויב, צעבראָכענע פלעשער. די פענסטער זענען פאַרמויערט מיט ציגל — און ס'איז איבערגעלאָזט געוואָרן נאָר אַ קליינע עפענונג, די גרויס פון אַ שעכטעלע זאַפּאַלקעס — אַזוי אַז אַפילע בייטאָג איז גוט פינצטער. די טירן ווערן פאַרשלאָסן מיט שווערע, אייזערנע פרענטן און שלעסער.

דעם דאָזיקן „פּאַלאַץ“ האָט דאָס קאָסטעק ביערנאַצקי מיט זיין געהילף גרעפנער, באַשטימט פאַר די „פאַרזינדיקטע“ געפאַנגענע אין בערעזער קאָנ־צענטראַציע לאַגער.

אַז מ'האָט געפירט אַ „פאַרזינדיקטן“ געפאַנגענעם אין קאַרצער, האָט ער דעם גאַנצן וועג, ביז צו דער געביידע, געמוזט מאַכט „פּאַדני“! און „פּאָוו־סטאַן“!, ביים אַריינלאָזן אין פינצטערן קאַמער האָט דער פּאָליציאַנט דער־לאַנגט עטלעכע גומי שטעקנס. אָפּטמאָל, אַז ס'האָט זיך דעם וואַך-פּאָליציאַנט

פֿון קאַרצער געלאַנגווייליקט, איז ער אַריין אין קאַמער און אויפֿסניי דערלאַנגט קלעפּ.

אין „קאַרצער" איז מען געשלאָפֿן אויף דער נאַקעטער ערד. טראָגן אויף זיך האָט מען דערלויבט נאָר די מאַרינאַרקע און איין סוועטער; האָט מען געטראָפֿן אויפֿן געפֿאַנגענעם אַ טאָפּלטן סוועטער, איז, אַ כּוץ וואָס מ.האָט דעם סוועטער אַראָפּגעצויגן, האָט מען אים געשלאָגן אַז ער זאָל אויסזאָגן, ווער פֿון די געפֿאַנגענע ס'האָט אים אויסגעבאָרגט דעם סוועטער.

— דאָ, אין בערעזע, וועט איר קיין „מאַפֿר" נישט פֿאַרלייגן! — האָט גרעפּנער געזאָגט צו די פּראָלעטאַרישע געפֿאַנגענע.

עסן האָט מען באַקומען יעדן 2-טן טאָג. דעם טאָג וואָס מ'האָט נישט געגעסן, איז דערלויבט געווען אַז דער „קיבעל" (צו דערליידיקן דעם נאַטירלעכן געברויך), זאָל זיך געפֿונען אין קאַמער. דאַקעגן דעם טאָג וואָס מ'האָט באַקומען עסן — האָט מען אַרויסגענומען פֿון קאַמער דעם „קיבעל"... אין די הערבסטיקע און ווינטערדיקע טעג איז די קעלט אין דאָזיקן לעבעדיקן קייווער געווען אַ מוירעדיקע.

נאָכן ערשטן האַלבן יאָר, האָבן אין בערעזע אָנגעהויבן צו בלאָזן „ליבעראַלע" ווינטן. אויפֿן אָרט פֿון גרעפּנערן איז באַשטימט געוואָרן דער אינספּעקטאָר יוזעף קאַמאַלאַ, דער אַלטער קאַרצער איז פֿאַרביטן געוואָרן אויף אַ... נייעם. מיט נאָך פֿיל ערגערע טאָרטור-סיסטעמען — דערפֿינדן דורכן נייעם נאַטשעלניק. מיט איין אונטערשייד, וואָס אינם נייעם קאַרצער האָט מען אויף ביינאַכט צום שלאָפֿן באַקומען אַ הילצערנע פּריטשע. — דערפֿאַר האָט יוזעף קאַמאַלע איינגעפֿירט פֿאַרן „קאַרצער" און „אַרעסט" נייע „היגיענישע" באַדינגונגען, וואָס זענען באַשטאַנען אין אַריינגיסן יעדן טאָג צו 3-4 עמערס וואַסער אויף דער אַספֿאַלט פּאָדלאָגע, אַזוי אַז אַ גאַנצן טאָג האָט מען געמוזט „שפּאַצירן" אין וואַסער און נישט געהאַט קיין מעגלעכקייט אַנידערצולייגן אַפֿילע אויף דער פּאָדלאָגע דעם קערפּער.

אויב אין אַלטן קאַרצער האָט מען געזשאַלעוועט דעם „קיבל", געפֿינט זיך אינם נייעם קאַרצער דער קיבל קעסיידער אין קאַמער. אָבער אַרויסגיסן די אומריינקייטן קען מען נאָר דעמאָלט, ווען דער „קיבל" איז פֿול ביז איבערן ברעג... אַזוי ווי אין קאַרצער זיצט מען נאָר איינצלווייז — דויערט ביז ס'פֿילט זיך אָן אַ פֿולער „קיבל" 10-12 טעג... בעמיילע ווערט מען אין קאַרצער פֿאַרסאַמט פֿון אייגענעם אָפּפֿלוס..

קאַמאַלע האָט אויך איינגעפֿירט אַ רעפֿאָרם פֿון עסן. דעם טאָג וואָס מ'האָט אין קאַרצער עסן, באַקומט מען נאָר אַ העלפֿט פֿון דער נאָרמאַלער פּאָרציע, און אָפּטמאָל דאָס אויך נישט.

איינמאָל ווען יעראַכמיל בלאַנק איז אָפּגעקומען זיינע „זינד" אין קאַרצער, איז אויסגעפֿאַלן אויף דעם שרייבער פֿון די שורעס צו זיין דער „פּאָדלאָגע וואַשער" (וואַסער אָנגיסן) אין קאַרצער. נישט וועלנדיק אָנגיסן קיין וואַסער האָב איך בלויז מיט אַ פֿייכטער שמאַטע אויסגעווישט די פּאָדלאָגע. דער וואַך-פּאָליציאַנט האָט דערשמעקט וועגן וואָס דאָ האַנדלט זיך, האָט ער מיטן שטיוול אומגעקערט דעם עמער מיטן וואַסער, און אַלס שטראָף געהייסן ברענגען נאָך 2 פֿולע עמערס מיט וואַסער און זיי אויסגיסן אויף דער פּאָדלאָגע...

אין בערעזע איז פֿאַראַן אַ „פּרינציפּ", אַז דער „קאַרצער" און דער אַרעסט טאָר קיינמאָל נישט זיין ליידיק.

דער אונטערשייד צווישן „קאַרצער" און „אַרעסט" באַשטייט אין דעם וואָס אין אַרעסט-קאַמער געפֿונען זיך די באַשטראָפֿטע צוזאַמען, אַזוי ווי אין בע-

רעזע פעלן קיינמאל קיין „פארזינדיקטע“ נישט אוים — בעמיילע איז דער ארעסט אלעמאל פול.

אין „ארעסט“, סיי ביי טאג, סיי ביינאכט, טוט זיך דאס פאליציייאישע אויג נישט אפ. מען טאר נישט „שפאצירן“ צוזאמען מיט א צווייטן געפאנגע-נעם, מ'טאר נישט אויסרעדן קיין ווארט, קיין לאך, קיין ברום, מ'קען זיך נאר געפונען אויף איין האלבע זייט פון ארעסט-קאמער, ביכדיי דער פאליציאנט זאל דורך דער „וויזיטערקע“ שטענדיק קענען זען וואס די געפאנגענע טוען.

אמשטארקסטן היט אפ דער אינספעקטאר קאמאלע דעם קאיצער אין ארעסט. דאס זענען זיינע „ליבלינגס-ווערק“.

יעדן טאג קומט ער, באגלייט פון א שטאב פון באאמטע, אויף א באזוך אין קארצער און אין ארעסט אריין. און קאמאלע עקזאמינירט:

— נו, איר וועט נאך זינדיקן?

— איר וועט זיך אויסבעסערן, צו נישט?

אבער די געפאנגענע „בעסערן“ זיך קיינמאל נישט אוים. נאך איידער זיי פארלאזן דעם ארעסט האבן זיי שוין אויפסניי „געזינדיקט“ און פארדינט א נייע שטראף.

## קאטארגע-ארבעט

צווישן א רייע אנדערע פייניקונגס-מיטלען פארנעמט אין בערעזע די ארבעט א באזונדער-אנגעזעענעם ארט. טאג-טעגלעך ווערן די געפאנגענע גע-צוווּנגען אויסצופירן שווערע, איבערמענטשלעכע קאטארגע-ארבעטן; ס'ווערן געטריבן צו דער ארבעט יינגע און אלטע, געזונטע און קראנקע, געפאנגענע, מיט קראנקע אייוועריס, מיט פארבאנדאזשירטע ווונדן, מיט אנגעהאנגענע, קראנקע הענט אויפן האלדז.

די גרעסטע טייל ארבעטן אין בערעזע ברענגען נישט קיין ספעציעלן נוצן. דער איינציקער צוועק פון דער ארבעט דאס איז: קענען ארויספאמפען וואס מער שווייס און קוייעך פון געפאנגענעם און פון צו האבן א געלעגנהייט מיט וואס צו פייניקן אים.

יעדן פארטאג ווערן די געפאנגענע ארויסגעפירט צו דער ארבעט, אן אונטערשייד צו ס'איז הארבסט צי ס'גיסט א גרויסער רעגן, ביי א פראסט, אדער פארקערט — ביי א גרויסער היץ, וועלכע האט דערגרייכט טיילמאל ביז 30 גראד; די ארבעט מוז אויסגעפירט ווערן.

דער פרינציפ פון אומאויפהערלעך ארבעטן ווערט אדורכגעפירט אין דער פולער מאס; און קיין ארבעט אין בערעזע פעלט קיינמאל נישט אוים ...

***

ביי דער ארבעט איז איינגעשטעלט דער אזוי גערופענער „בערעזע-טעמפא“. אלץ מוז אויסגעפירט ווערן שנעל („שיפקא“) „נישט שפילן זיך, נור ארבעטן“! — דאס זענען די באליבטסטע ווערטער פון דער פאליציי.

דער פייניקונגס - סיסטעם ביי דער ארבעט איז אזוי איינגעשטעלט, אז די לייכטסטע, נישטיקסטע ארבעט ווערט פארוואנדלט אין דער שווערס-טער און מאטערנדיקסטער.

אט ווערט באשטימט א גרופע געפאנגענע אויסצוקערן דעם הויף, אדער די קאזארמע - צימערן — דאכט זיך, אז קערן איז נישט קיין שווערע

ארבעט, באַקומט מען אָבער קליינע, הארטע בעזעמער, וואָס באַשטייען פון עטלעכע צווייגן. די געפאנגענע מוזן טון די ארבעט שנעל אין דרייען גע־בויגן — געטריבן, געזידלט און באַליידיקט פון פאָליציאנט.

ס'איז ווינטער. ס'פאַלט א שניי. מ'באַשטימט אַ גרופּע געפאנגענע צו רייניקן אים. אָנשטאָט לאָפּאַטעס, גיט מען אַ טייל געפאנגענע אויפסניי בעזעמער, אַ טייל באַקומען שווערע „קילאָפּן“ און מיטן קילאָף אין האַנט מוז מען לאַנגע שאָען, אָן איבעררייס, שטיין מיט א איינגעבויגענעם רוקן און קאָפּען דעם שניי... דער פראָסט איז אַ שטארקער מ'פילט אים נישט, ווייל דאָס לייב פון געפאנגענעם איז באַגאָסן מיט עמערס שווייס....

די „לייכטסטע ארבעט פון אויסקערן צימערן, און שניי רייניקן ווערט דורך די בערעזער טאַליאָנים פאַרוואַנדלט אין אַ געהענעם, אין אַ קאַטאָרגע־ארבעט.

***

מ'איז באַשעפטיקט ביים רעגולירן און אויסטריקענען זומפּן. מ'האָט ארייַנגעטריבן די געפאנגענע אין אַ זומפּ, די בלאָטע האָט דערגרייכט ביזן גארטל. מ'האָט געמוזט אָן אויפהער ארויסוואַרפן פונם זומפּ אויף די ברעגן שווערע לאָפּאַטעס נאַסע בלאָטע.

דאָס ערשטע האַלבע יאָר האָט מען די געפאַנגענע אויך באַשעפטיקט ביים בויען דעם שאָסיי קאָברין-בריסק, אַבוץ פיניקן האָט די מאַכט אויך געצילט מיט אָט דער ארבעט פון די געפאַנגענע צו באַקעמפן די ווייסרוסישע פויערים, וועלכע פירן אַ סאַבאָטאַזש-קאַמף און ווילן נישט זיך לאָזן צווינגען צו פאַריכטן אָן באַלוינונג די שאָסייען פון פּאָלעסיע.

„אָריגינעל“ איז געוועזן די ארבעט פון ארויספירן דאָס „מיטאָג“ אויפן שאָסיי. פאָרגעקומען איז דאָס אַזוי:

4 געפאנגענע האָבן ארויפגעשלעפט די קעסלען מיט זופּ אויף אַ גרויסן 4-רעדערדיקן, שווערן וואָגן, איינער האָט געהאלטן פארן דישעל און 3 האָבן געשטופּט. באַגלייט דעם וואָגן דעם גאַנצן וועג (5 קילאָמעטער) האָבן 3 פוסגייער-פאָליציאַנטן מיט געלאָדענע ביקסן און 2 רייטער אויף שיינע, אויסגערוטע, געפּאַשעטע פערד. די פּאָליציי האָט אויפן וועג געמאַטערט און גע־צווונגען צו שטופּן דעם וואָגן גאַלאָפּ, ביעגעם, לויטן טאַקט פון די פערדישע טריט ...

די געפאַנגענע האָבן זיך באַגאָסן מיט שווייס און מיט די לעצטע קויכעס צוגעשופּט דעם שווערן וואָגן מיט די קעסלען וואַסערדיקע זופּ צום ארבעט-אָרט. די געפאַנגענע אויפן שאָסיי האָבן באַגעגנט דעם וואָגן ווי „אַ דערלייזער“ פון זייער הונגער....

מ'האָט געגראָבן טיפע גריבער און פון דאָרט האָט מען געמוזט, ווי אויטאָמאַטן, ארויסוואַרפן די שווערע, נאַסע ערד אויף די ברעגן. — די ארויסגעוואָרפענע ערד האָבן אַנדערע געפאַנגענע אָנגעלאָדעוועט אויף גרויסע, 4 רעדערדיקע, שווערע וועגן, און 4 געפאנגענע (איינער ביים דישעל) האָבן אויף אַ ווייטן מערכעק — אויף זאַמדיקע און בלאָטיקע יועגן — אוועקגעפירט די ערד ; — אָפטמאָל האָט מען פון מיטן וועג זיך געמוזט אומקערן צוריק און צושיטן נאָך ערד, ווייל... גרעפנער האָט אָנערקענט אז דער וואָגן איז צו גרינג...

מ'האָט לאַנגע כאַדאָשים געארבעט ביי פארשיטן גריבער און ביים אויסגלייכן וועגן מיט שווערע קלעצער („אוביאַטשעס“).

מ׳איז באַשעפטיקט ביי פירן שטיינער, ציגל פון איין אָרט אויפן צווייטן ; ביי אויספלאַסטערן וועגן אין פאַרק פון די העכערע באַאַמטע. ביים שניידן היי — מאַכן „סטויגעס“ (קופעס) און אַוועקפירן עס אין די סטאָדאָלעס פון לאַגער. ביי דער היי-אַרבעט האָט מען געאַרבעט 16 שאָ א טאָג, מ׳האָט אויפגעוועקט 3 ביינאַכט. אין שרעקלעכע היצן האָט מען אָפטמאָל נישט דערלויבט צו טון א טרינק וואַסער.

אויפן אָרט פון פערד שפּאַנט מען איין 2 געפאַנגענע צו שלעפן א „קעראַט“, אָנצופלומפּן וואַסער אין דער געביידע פון פּאָליציי, דערביי שטייט א פּאָליציאַנט אין דער פולער באַוואָפנונג מיט א גומי-שטעקן אין האַנט, טרייבט און צווינגט די געפאַנגענע זיי זאָלן באַוועגן דעם „קעראַט“ מיטן זעלבן טעמפּאָ, ווי פערד.

מ׳פירט שווערע פעסער מיט וואַסער. איינער שפּאַנט זיך איין אויפן אָרט פון א פערד און א צווייטער שטופּט פון הינטן. מ׳האַקט און מע זעגט האָלץ. מ׳שעפּט אויס שמוציקן אָפּפאַלוס פון קאַנאַלן, מ׳פירט דאָס אין גרויסע פעסער אויף א וואָגן און מ׳גיסט דאָס אויס אין גריבער. מ׳וויקלט צוזאַמען מיט די בלויזע הענט פאַרזשאַווערטע שטעכיקע דראָט וואָס זענען פאַרבליבן פון דער מילכאָמע. מ׳ריניקט די פערד אין די שטאַלן, מ׳רוימט די פּאָליציי-וווינונגען און מ׳באַקומט נישט קיין געהעריקע בעזימער, אָדער אַנדערע ריניקונגס מאַכשירים, מען באַפעלט „אַז אויף דער פּאָדלאָגע זאָל זיך נישט געפינען קיין שטויבעלע“

מען ריניקט מיסט-קאַסטנס און מ׳שלעפּט אַוועק דאָס מיסט. מ׳פוצט די בעטן און מ׳לופטערט דאָס בעטגעוואַנדט פון דער פּאָליציי, מ׳שלעפּט צו צוויי עמערס וואַסער פון א ווייט שטיק וועג אויפן צווייטן שטאָק-אַרויף.

אָפטמאָל מוז מען מיט די הענט ריניקן די שפּיי-קעסטלעך און די קלאָזעטן פון דער פּאָליציי.

מ׳דערלאַנגט די פּאָליציאַנטן שיסלען וואַסער צום וואַשן, און נאָכן ענדיקן די אַרבעט דערלויבט מען נישט די געפאַנגענע זיך אָפּצוואַשן די הענט פון שמוץ... מ׳ריניקט דאָס קלאָזעט, מ׳דאַרף דערליידיקן א נאַטירלעכן געברויך, מוז מען בעטן א דערלויבעניש און... מ׳דערלויבט נישט ..

אָפטמאָל פאַלט מען אַריין ביים רוימען די פּאָליציי-צימערן אין די הענט פון אַזעלכע ראָצכישע פּאָליציאַנטן, וועלכע באַפעלן, אַז די געפאַנגענע זאָלן מיטן מויל אַראָפּבלאָזן דעם שטויב און דאָס מיסט פון דער פּאָדלאָגע, אָדער „קריכן“ אויפן בויך אונטער די בענק און אויפקלויבן די אויסגעוואָרפענע מונדשטוקן פון די פּאַפּיראָסן. טייל פאַרלאַנגען אָפּצוריניקן מיט די הענט דעם שפּינוועבס פון די ווענט און סופיט און מ׳גיט נישט קיין... לייטער.

די געפאַנגענע ווערן אויך באַנוצט צו טון פאַרשיידענע שוואַרצע און שמוציקע אַרבעטן אין די דירעס פון דער העכערער אַדמיניסטראַציע-מאַכט.

ווינטער, ווען די נאַטשאַלסטוואָ האָט זיך אין די געביידעס פון איר פאַרק איינגעאָרדנט א פאַרוויילונג, די ערד איז געווען נאַס און בלאָטיק, האָבן די געפאַנגענע געמוזט מיט האָלץ און ציגל אויספלאַסטערן די וועגלעך, וואָס פירן צו די וווינונגען.

אַפילע אין די זונטיקן, אָדער אַנדערע פּוילישע רעליגיעזע און נאַציאָנאַלע יאָנטויווים, ווערן די געפאַנגענע אַרויסגעטריבן צו דער אַרבעט.

יעדן זונטיק, פון 5 פאַרטאָג ביז 9 פרי, מוז מען רוימען מיט נידריקע בעזעמער; אויסציפּן דאָס גראָז אין פאַרק פון דער נאַטשאַלסטווע און

רייניקן די פּאָליצייִשע צימערן. נאָכמיטאָג מוז מען אין אַ פּויזע פון זיצן אין דער לופט אויספּליקן מיט די הענט דאָס גראָז ארום לאַגער. אָדער אין אַ פּויזע, מיט אַ איינגעבויגענעם רוקן, מאַרשירן און קלייבן קליינע שטיינדלעך פון דער ערד... דער „טעמפּאָ" פון אַרויספּרעסן וואָס מער שוויים און דער האַרטער רעזשים ביי דער אַרבעט איז אין די „הייליקע גאָטספּאָרכטיקע טעג" דערזעלבער וואָס אין די וואָכעדיקע טעג. . .

⁂

די געפאַנגענע געפינען זיך די גאַנצע צייט פון דער אַרבעט אונטער אַ שטאַרקע פּאָליציי - וואַך, באַוואָפנט מיט געלאָדענע רעוואָלווערן, ביקסן, מאַשין-געווער, רייטער-פּאָליציי און שפּיר הינט. אויף יעדע 3-2 געפאַנגענע איז פאַראַן אַ פּאָליציאַנט.

די דיסציפּלין ביי דער אַרבעט איז זייער אַ שאַרפער און אַ שטרענגער. פאַר אַ מינדעסטער קלייניקייט זענען די געפאַנגענע אינם ערשטן האַלבן יאָר געשלאָגן און געקאַטעוועט געוואָרן אויך ביי דער אַרבעט.

אָט שטייט אַ געפאַנגענער און גראָבט די ערד. דעם וואַך-פּאָליציאַנט געפעלט נישט די אַרבעט!

ס'קומט אַ באַפעל :

— דער געפאַנגענער נומער... צו מיר „ביעגעם" !

— פאַרוואָס נעמסטו נישט אָן קיין פולע לאָפּעטע ערד ?

— הערן קאָמענדאַנט...

דער אַרעסטירטער מעלדעט געהאָרכזאַם, אַז ער נעמט אָן אַזויפיל ערד, וויפיל ס'קען נור אַרויף אויף דער לאָפּעטע — ענטפערט דער געפאַנגענער אין אַ פּאָזע פון „באַטשנאָשטש".

— דו פאַרשאָלטענע „אַפּערמע", דו דערוויידערסט דאָס, וואָס ס'זאָגט אַ פּאָליציאַנט?.. „נאַכיליטש-שען" (איינבייגן זיך)

— אָבער הערן קאָמענדאַנט...

— שווייגן ! „פאַרמאַך דאָס שפּייקעסטל" (געמיינט דאָס מויל). איינבייגן זיך האָב איך באַפוילן !

דער פּאָליציאַנט ציט אַדויס דעם גומי-שטעקן, שטרענגט אָן די מוסקולן און באַדעקט דעם רוקן און פּלייצע פון געפאַנגענעם מיט קלעפּ. האָט זיך פונדערווייטנס צופעליק דערנענטערט אַן אַדורכפאָרנדיקער פויערישער וואָגן פון דער ציווילער באַפעלקערונג, האָט דער פּאָליציאַנט אַ ביסל פריער באַפרייט זיין קאָרבן, קעדיי די אויסערלעכע וועלט זאָל זיך נישט דערוויסן, אַז מען שלאָגט אין בערעזע. האָבן זיך אָבער אויפן שאָסיי נ י ש ט געפונען קיין אַנדערע אויגן אויסער פּאָליצייִשע, האָט מען לענגער געשלאָגן, און צום סאָף באַפוילן זיך שטעלן אויף „באַטשנאָשטש", פרעגנדיק:

— נו, הינטישע צורע, וועסט ווייטער פויל אַרבעטן? „ביעגעם", צוריק צו דער אַרבעט !

מיט כאַדאָשים שפּעטער, ווען אונטער דער ווירקונג פון דער עפנטלעכער פּראָטעסט-קאַמפּאַניע קעגן באַרבאַריזם אין בערעזע, איז דאָס שלאָגן פאַרקלענערט געוואָרן, איז אויפן אָרט פון שלאָגן איינגעפירט געוואָרן אַ פייניקונגס-גימנאַסטיק אונטערן נאָמען „זשאַבקעס" ; אַ כוץ דעם, פאַר דער מינדעסטער „נישט גוט" אויספירן די אַרבעט, אָדער אַנטקעגן רעדן, איז מען גלייך פון דער אַרבעט, אַפילע אָן דער צערעמאָניע פון שטראָף ראַפּאָרט, אַריינגעשליידערט געוואָרן אין קאַרצער.

אַלע פּאָליציאַנטן, מיטן אַספּיראַנט בעראַש, האָבן ביי דער אַרבעט שטאַרק געפּייניקט דעם אַרבעטער שמיל קאַפּטור. מ'האָט אָנגעלייגט ספּעציעל שווערע „נאַשעס" מיט ערד, דער אַספּיראַנט האָט עטלעכע מאָל צוגעדריקט מיטן שטיוול די ערד אויף דער „נאַשע", קעדיי ס'זאָלט וואָס מער ערד אַרויפגעלייגט ווערן און באַפוילן:

— קאַפּטור טראָג! און דערביי וואָרנט ער: אויב ס'וועט צובראָכן ווערן די „נאַשע", וועט מען באַזונדער באַשטראָפן.

קאַפּטור האָט נישט געוואָלט אויספירן די שווערע אַרבעט. האָט מען אים פון דער אַרבעט אָפּגעפירט אין קאַרצער, ער האָט זיך אויפן וועג אַנטקעגנגעשטעלט האָט מען אים געשלאָגן, צעבלוטיקט דעם קאַרג און מיט אַ פאַרשטאַרקטע פּאָליציי - וואַך צוגעשלעפּט און אים אַריינגעוואָרפן אין קאַרצער. ס'איז אָנגעקומען דער קאָמיסאַר סטאַניסלאַוו יאַנוש, אָן אַ ראַפּאָרט אים באַשטראָפט מיט 7 טעג „פאַרשאַרפטן קאַרצער" און זיך דערביי אויסגעדריקט צו קאַפּטורן:

— דאָ איז נישט וואַרשע, ווו איר קאָמוניסטן מאַכט געוואַלדן אויף די גאַסן קעדיי די באַפעלקערונג זאָל זיך דערוויסן אַז די פּאָליציי שלאָגט — דאָ איז ברעזע...

**
*

ביי דער אַרבעט איז פאַרבאָטן אויסצורעדן אַ וואָרט, צו טון אַ שמייכל, אַ ווונק, אַפילע דאָס, וואָס ס'איז נויטיק זיך צו פאַרשטענדיקן וועגן אַרבעטאייניאָנים, מוזן די געפאַנגענע רעדן אויפן הויכן קאָל, קעדיי דער וואַך-פּאָליציאַנט זאָל וויסן וועגן וואָס מ'רעדט.

ס'איז אויך שטרענג פאַרבאָטן אומצוקוקן זיך אין דער ריכטונג, צום פעלד, אָדער צום אָרט ווו ס'געפינען זיך די כאַלופּעס פון דער ווייסרוסישער באַפעלקערונג.

— דיינע אויגן דאַרפן זיין צוגעשמידט צו דער לאָפּאַטע און צו דער ערד!

— האָט דער פּאָליציאַנט גוויזדאַלאַ באַפוילן דעם שרייבער פון די שורעס.

נישט נור דעם געפאַנגענעם איז פאַרבאָטן צו וואַרפן אַ בליק אויף אַ ציווילן מענטשן, אַפילע די פויערישע באַפעלקערונג טאָר נישט אומקוקן זיך אין דער זייט, ווו ס'שטייען די געפאַנגענע און אַרבעטן, די ווייסרוסישע באַפעלקערונג ווערט מוירעדיק טעראָריזירט. ווען אַ ווייסרוסישער פויער דאַרף אַרורכפאָרן מיט זיין פערד און וואָגן דורך דעם טייל שאָסיי ווו די געפאַנגענע אַרבעטן, מוז ער שטאַרק שמייסן זיין פערד, אַז ס'זאָל וואָס שנעלער לויפן. אויב דער פויער שמייסט נישט זיין אויסגעמאָגערט פערדל, טוען עס די פּאָליציאַנטן מיט די גומי-שטעקנס און מיט די קאָלבעס פון די ביקסן.

דער פויער אַליין מוז דאַמאָלט באַהאַלטן זיין קאָפּ אין וואָגן אַריין, קעדיי ער זאָל נישט אָנקוקן די געפאַנגענע.

**
*

אָט איז אַ סצענע פון „זשאַבקעס".

אויפן שאָסע געפינען זיך ביז אַ הונדערט געפאַנגענע. ס'איז אין מיטן טאָג, די אַרבעט גייט אין פולן טעמפּאָ. מ'גראָבט, מ'האַקט שטיינער, מ'זיפּט „שאַבער", מ'ברעכט אויף דעם שאָסיי מיט קילאָפּן, מ'טראָגט שווערע אָנגעלאָדענע „נאַשעס" מיט ערד, פון אַלע זייטן שאָסיי איז אַרומגעשטעלט אַ שפּאַלער פון פּאָליציי מיט די אָנגעלאָדענע ביקסן אין די הענט. די ריי-

טער-פּאָליציי לויפט אין גאַלאָפּ הין און צוריק דעם ארבעטס-שעטעך. ס'הערט זיך אַ געהירזשעריי פון דין פערד. די שפּיר-הינט שמעקן אַרום אַלע ווילע אַ צווייטן געפאַנגענעם.

פּלוצלונג הערט זיך אַ פּאָליציישער באַפעל :

— דער ארעסטירטער נומער... מיט די ארבעטס מאַכשירים „ביעגעם" צו מיר !

דער געפאַנגענער מעלדעט זיך צום פּאָליציאַנט.

—פאַרוואָס האָט דער ארעסטירטער גערעדט ביי דער ארבעט ?

— הערן קאָמאַנדאַנט! איך האָב קיין געשפּרעכן נישט געפירט. כ'האָב נור בלויז געזאָגט צום צווייטן ארעסטירטן מיט וועלכן כ'טראָג די ערד אז די לאָפּאַטע פאַלט אַראָפּ פון דער „נאַשע"

— שטיל! דו לויזיקער... דו וועסט קיין פּאָליציאַנט נישט אָפּנאַרן. איך ווייס, אַז דו האָסט גערעדט וועגן עפּעס אנדערש ....

און ס'קומט אַ באַפעל: „אַ זשאַבקע"

— זיצן אין דער לופטן"!

— נישט אָנרירן די ערד מיט די פּיענטעס פון די פיס, נור מיט די שפּיץ פינגער...

— מיט די הענט אָנהאַלטן די קנעכל פון די פיס.

— מאַרשירן ! איינס צוויי, איינס צוויי.

— לינקס! רעכטס ! צוריק !

און ווען דער געפּייניקטער געפאַנגענער הייבט אָן צו אָטעמען שווער, ווייל דאָס האַרץ ווערט אים ביי הער „זשאַבקע„ שטארק אָפּגעשוואַכט, און קוים וואָס ער קען אין אזא אינקוויזיציע - פּויזע באַוועגן מיט די פיס, ווענ-דעט זיך דאַן דער פּאָליציאַנט צו אים מיט אזא לאָשן :

— דו הינטיש בלוט! מיינסט, אַז איך קען מיך נישט אויף דיינע שטיק? דו מאַכסט אזא אָנשטעל אז דו ביסט ש וו א ך, אָפּגעמאַטערט, דו ווילסט נישט אויספירן קיין באַפעל פון אַ פּאָליציאַנט, אויפשטיין ! —

דער געפאַנגענער שטייט אויף.

— זעסט פון דערווייטנס דעם בוים? — ווענדעט זיך דער פּאָליציאַנט צום געפאַנגענעם.

— יאָ, — ענטפערט דער געפאַנגענער.

— טאָ לויף „ביעגעם" צום בוים, און צוריק, 15 מאָל... אָבער איך וויל זען א „ביעגעם"! אַ ביעגעם פּונקט אזוי ווי ס'וואָלט דיך א דונער געטראָפן... אָדער ווי דו וואָלסט וועמען באַגאַנוועט און מ'יאָגט דיך נאָך ....

דאַן קומט אַ דריטע פּייניקונג, וואָס באַשטייט אין פיל מאָל פאַלן, אויפשטיין.

אָדער לויפן, זיצן, פאַלן, זיצן, אויפשטיין. און צום סוף פון דער פּיי-ניקונג: אַ נייער באַפעל: „באַטשנאָשטש", באַגלייט מיט פּאָלגנדיקער פּאָלי-צייעשער לעקציע:

— נו, איצטער וועסטו נאָך רעדן ביי דער אַרבעט און אָפּנאַרן אַ פּאָ-ליציאַנט? ענטפער „ביקו"! מיר וועלן אייך אויסלערנען צו זיין „פּאָסלוש-נע", איצטער „ביעגעם" צו דער ארבעט! אָבער איך וויל זען אַן אַרבעט. די לאָפּאַטע מוז זיך באַוועגן, ווי אַ זייגערל... און אויב נישט, גייסטו אין קאַר-צער...

**
*

דעם 25-טן סעפּטעמבער 1934, אויפן 3-טן טאָג נאָכן אָנקומען פון זאַלאַטאָוו קיין בערעזע, איז ער, א באַרוועסער, מיט א געשוואָלן לייב פון די גומי-שטעקנס, אַרויסגעטריבן געוואָרן אויפן „קאַברינער" שאָסיי צו דער אַרבעט. קאָמענדאַנט איבער דער אַרבעט אין יענעם טאָג איז געווען דער שוין דערמאָנטער ראַצבישער פּאָליציאַנט קאַמאַראָווסקי. ער, קאַמאַראָווסקי, האָט זיך ספּעציעל גענומען צו דעם נייעם געפאַנגענעם זאַלאַטאָוו און אים מוירעדיק געפּייניקט.

זאַלאַטאָוו איז א פּיזיש-שוואַכער, פון פאַך א לערער, קיינמאָל נישט געווען באַשעפטיקט ביי קיין פיזישער אַרבעט, האָט מען אים געגעבן צו טראָגן ספּעציעל שווער אָנגעלאָדענע נאָשעס מיט נאַסע שטיקער ערד. פון טראָגן די נאָשעס מיט די הענט, האָט זיך ביי זאַלאַטאָוון אָפּגעריסן די הויט פון די פינגער. ס'איז גערונען בלוט. פון שמוץ האָט זיך אָנגעזאַמלט אייטער. קעדיי נישט אָנצונעמען מיט די רויע פאַרבלוטיקטע פינגער די שמוציקע נאָשע האָט זאַלאַטאָוו אַריבערגעצויגן דעם אַרבל פון זיין העמד איבער די פינגער. דאָס האָט דערזען קאַמאַראָווסקי. האָט ער באַפוילן:

— אַרויפציען די אַרבל! אָנעמען די „נאָשע" מיט די נאַקעטע הענט! איך וועל דיר, „פאַרשיווער יידישער קאָמוניסט" אויסלערנען אַרבעטן!

זאַלאַטאָוו האָט מיט אָפענע וווּנדן, פון וועלכע ס'האָט גערינען דאָס בלוט, געמוזט טראָגן די נאָשעס מיט ערד. ער איז עטלעכע מאָל אומגעפאַלן. קאַמאַראָווסקי האָט אים אויפסניי געפּייניקט און אים געשלאָגן מיטן גומי-שטעקן. אוקראַינישע און פוילישע פּראָלעטאַרישע געפאַנגענע האָבן זאַלאַטאָוו'ן געוואָלט פאַרבייטן, האָבן די געפאַנגענע אויך באַקומען געשלאָגן. א כוץ די פּייניקונגען, האָט קאַמאַראָווסקי צוגעשטעלט זאַלאַטאָוון צום שטראָף-ראַפּאָרט. גרעבנער האָט אים פאַרמישפּעט אויף 6 טעג קאַרצער... „פאַר פוילקייט צו דער אַרבעט".

א כוץ שלאָגן, אָדער די שוין - דערמאָנטע „זשאַבקעס", פלעגן די ספּע-ציעלע פּאָליציאַנטן, וואָס האָבן זיך פאַרנומען מיט די שפּיר-הינט, אָנרייצן זיי אויף די פּראָלעטאַרישע געפאַנגענע, איינמאָל איז אזא פיר-פיסיקער הונט אָנגעפאַלן אויף יעראַכמיל בלאַנקן און אים צוביסן די הענט.

**
*

דעם 28-טן דעצעמבער 1934 איז אַלס קאָמענדאַנט פון אַן אַרבעט, וואָס איז באַשטאַנען אין אָפּרייניקן שטיקער מויערן פון פאַרניכטעטע קאַ-זאַרמעס אין דער צייט פון דער וועלט-מילכאָמע, באַשטימט געוואָרן דער וואַרשעווער פּאָליציאַנט נאַזורקעוויטש. ער, נאַזורקעוויטש, איז א געשמאַדטער ייד. ער האָט א געוויסע צייט געדינט אין דער וואַרשעווער פּאָליטישער פּאָ-ליציי (דעפענסיווע) זיין אַרבעט איז באַשטאַנען אין אויסשפּירן די „ביר-זשעס", ווו ס'זאַמלען זיך די אומלעגאַלע פּראַצ. פאַריינען פון די יידישע אַר-בעטער אין וואַרשע. ער פלעגט זיך איבערטון אין ציווילע קליידער, אוועק אין יידישן אַרבעטער-קוואַרטאַל און אונטערהערן זיך וואָס מ'רעדט. די וואַרשעווער טראַנספּאָרט-אַרבעטער האָבן דערקענט דעם שפּיצעל און האָבן אים פאַרטריבן פון זייער „בירזשע".

ער, נאַזורקעוויטש, האָט געטראָגן א ספּעציעלן האַס אויף די יידישע רעוואָלוציאָנערע אַרבעטער פון וואַרשע. צווישן דער גרופּע געפאַנגענע,

וועלכע האָבן אויסגעפירט די אויבנדערמאָנטע אַרבעט, האָט זיך אויך געפונען דער יידישער געפאַנגענער פון וואַרשע אַרן סקראָבעק. ער האָט טאַקע זיין גאַנצע נעקאָמע אויסגעגאָסן צו דעם דערמאָנטן געפאַנגענעם.

6 שאָ צייט האָט סקראָבעק אין אַ לויפנדיקן טעמפּאָ געמוזט טראָגן שווער-אָנגעלאָדענע „נאָשעס" מיט שטיקער מויער און דאָס אויסשיטן אין אַ גרוב. אַזוי ווי אַ „נאַשע" מוזן טראָגן 2 פּערזאָן, האָט נאַזורקעוויטש אַלע פּאָר מינוט געביטן אַ צווייטן נאַציאָנאַליסטישן געפאַנגענעם, דאַקעגן סקראָבעקן האָט ער קיין איינמאָל נישט געביטן.

נאַזורקעוויטשעס סאַדיזם איז דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז ער האָט אַלס צווייטן צו דער „נאָשע" אויסגעקליבן דעם פּעסט-געבויטן, הויכן אוקראַאינישן נאַציאָנאַליסט פּערון, אים געהייסן האַלטן די „נאָשע" פון אונטן. און יעדעס מאָל, ביים אויסשיטן די ציגל, האָט דער נאַציאָנאַליסט אַריינגעשטויסן סקראָבעקן אין גרוב אַריין. צוריקוועגס האָט מען אָנגעדרייצט דעם שפּירהינט און די פּאָליציי צוזאַמען מיט די נאַציאָנאַליסטן האָבן זיך געוויילט ביי דער אינקוויזיציע, פון דעם פּראָלעטאַרישן געפאַנגענעם.

דער רייטער - פּאָליציאַנט אַליוקאָ האָט דעם דערמאָנטן געפאַנגענעם סקראָבעק בעיסן רייניקן דעם פערד - שטאַל, שטאַרק געפּייניקט. ער האָט אים נישט דערלויבט צו דערליידיקן דעם נאַטירלעכן געברויך, האָט אים באַפוילן איינער אַליין צו דרייען דעם „קעראַט" און ציען וואַסער. אַזוי ווי סקראָבעק איז איינער אַליין נישט געווען אימשטאַנד אויסצופירן אַזאַ אַרבעט, האָט אַליוקאָ אים אַנידערגעוואָרפן אויף דער פּאָדלאָגע אין שטאַל, געקאָפּעט מיט די פיס און דערביי געהאַלטן אַ „לעקציע":

— ס'האָט זיך דיר, פאַרשאָלטענער קאָמוניסט, „זשיד" פאַרוואָלט די קאָמונע, וועל איך דיר געבן אַ קאָמוניסטישע לעקציע!... אין בערעזע איז שלאָגן דערלויבט...

**
*

אין בערעזע איז אויך איינגעפירט ספּעציעלע שטראָף-אַרבעטן, מ'באַשטימט דעם פאַרזינדיקטן צו רייניקן מיט די הענט דעם קלאָזעט, אויסצוּוואַשן די פּאָדלאָגעס אין אַלע קאַמערן, קאָרידאָרן, אונטער די „פּריטשעס", וועלכע האַלטן אַ האַלבן מעטער די הויך, אויסצוּוואַשן די פּאָדלאָגע אונטער די טישן און בענק פון עס-קאַמער און דערביי נישט אַוועקנעמען די בענק און טישן, נור קריכן אויפן בויך מיט דער נאַסער שמאַטע און נישט אומוואַרפן אָדער כאָלילע אָנרירן, מיט די הענט די בענק, אָדער טישן...

דאָס וואַסער צום וואַשן די פּאָדלאָגעס דערלויבט מען נישט צו טראָגן אין אַ נאָרמאַלן עמער, נור אין אַ ספּעציעלן אייזערנעם „אינקוויזיציע-קעסל", וואָס פאַרמאָגט 2 אויערן און נור 2 פּערזאָן זענען אים אימשטאַנד צו טראָגן, ווען ס'איז פאַראַן אין אים וואַסער. דעם קעסל מוז דער פאַרזינדיקטער געפאַנגענער איינער אַליין שלעפּן, אָנגעשפּאַרט אויפן בויך... דאָס אַלץ מוז דער געפאַנגענער אויספירן, אָנגעטון אין אַלע מאַלבושים. די דאָזיקע מאַטערנישן האָט מיט אַ קראַנקע האַנט געמוזט אויספירן דער פּראָלעטאַרישער געפאַנגענער, דער לערער ליבער מושינסקי.

מ'רעדט צו די געפאַנגענע אין אַ שפּראַך ווי צו פערד. „וויאָ"! „וויאָ"! „יאַזדאַ"! „יאַזדאַ"! נאָך אַ גוט-אָפּגעגעסענעם, געשמאַקן מיטאָג, פלעגן זיך „פערזאַמלען" די העכערע נאַטשאַלסטוואָ פון לאַגער און פאַרנעמען זיך זייער

לאנגוויילקע צייט מיטן צוקוקן זיך ווי מענטשן זענען פארוואנדלט געוואָרן אין שקלאַפן, צורופן יעדעס מאָל אַ צווייטן געפאַנגענעם, פרעגן:

— וואָס פארא פּראָפעסיע האָט דער ארעסטירטער אין ציוויל?

ס'זענען געקומען ענטפערן:

„אדוואָקאט", „דאָקטאָר", „סעקרעטאַר פון ארבעטער-אָרגאַניזאַציעס", „לערער", „סטודענט", „זשורנאַליסט", „ארבעטער", „פּויער". זייערע שמאָל-ציקע פּענימער האָט באַדעקט אַ שמייכל פון... האַנאָע.

איינמאָל אין אַ נאָכמיטאָג איז דער פארטרעטער פון אינספעקטאָר, דער קאָמיסאַר סטאַניסלאַוו יאַנוש, צוזאַמען מיט זיין 4-יאָריק קליין, בלאָנד טעכטערל געשטאַנען און צוגעקוקט ווי אַזוי די געפאַנגענע שלעפּן שווער-אָנגעלאָדענע וועגן מיט ערד. צווישן אַנדערע האָט זיך ביי איין פור אָלס „דישעל-פירער" געפונען דער אוקראַיִנישער נאַציאָנאַליסט האַנקעוויטש געגאַ-ליי. האַנקעוויטש האָט געטראָגן ברילן. דאָס קליינע מיידעלע האָט דעם קאָ-מיסאַר געשטעלט אַזאַ פראַגע:

— טאַטאַ, פאַרוואָס טראָגט דאָס פערד ברילן?

דער קאָמיסאַר האָט זיין קליין טעכטערל קיין ענטפער נישט געגעבן....

## „מיר זענען הונגעריק" — „מיר ווילן ברויט"!

דאָס ערשטע האַלבע יאָר האָבן די געפאַנגענע אין בערעזע געליטן אַ מוירעדיקן הונגער. דער הונגער איז געווען איינער פון די שרעקלעכסטע פּיי-ניקונג-מעטאָדן.

מען האָט גענומען מענטשן, אויפגעוועקט פון שלאָף 4 ביינאַכט, אַראָפּגעטריבן אויפן פעלד צו „גימנאַסטיק", נאָכדעם — לאַנגע שאָען, שווערע ארבעט אויף דער לופט — און קיין עסן קימאַט נישט געגעבן.

דאָס עסן איז באַשטאַנען פון 400 גראַם שוואַרץ ברויט מיט אַ האַלבן ליטער שוואַרץ וואַסער, וואָס מען האָט עס גערופן „קאַווע", אָדער „זשורעק", אַ מין זויער וואַסער. דאָס האָט דער געפאַנגענער באַקומען 4 ביינאַכט. 12 בייטאָג, נאָך אַן איבערייס פון 8 שאָ, האָט מען באַקומען אַ האַלבן ליטער „זופּ", בעסער געזאָגט — וואַסער. זעלטן, אַז מען האָט געפונען אַ קאַרטאָפל, אָדער „אַ קאַשע". 6 אָוונט האָט מען באַקומען „קאָלאַציע", וואָס איז ווייטער באַשטאַנען פון אַ האַלבן ליטער נאָך מער וואַסערדיקער זופּ, ווי בעייסן מיטאָג.

דאָס איז געווען די „דערנערונג" ביי 16 שאָ שטיין אויף די פיס, ביי קאַטאָרגע-ארבעט און אַנדערע פּייניקונגען, און ביים געפינען זיך אויף דער לופט.

די מאָגנס פון די געפאַנגענע זענען שטענדיק געווען ליידיק. דער הונ-גער האָט מוירעדיק געמאַטערט. די נערוון זענען, וואָס אַמאָל, אַלץ מער גע-וואָרן אָפּגעשוואַכט, די לייבער — אויסגעמאָגערט, איינגעשרומפּענער, און די געזיכטער — געלער...

די קרוויים פון די געפאַנגענע האָבן די ערשטע וואָכן געשיקט פּעקלעך מיט פאַרשידענע שפּייזן, די פּעקלעך זענען צוריקגעשיקט געוואָרן צו די קרוויים מיטן צושריפט:

„אין בערעזע נעמט מען ניט אָן קיין שפּייז-פּעקלעך“!

18 טאָג צייט האָבן אַ טייל געפאַנגענע, וועלכע זענען געשיקט געוואָרן אויפן שאָסיי צו דער אַרבעט, (5 קילאָמעטער פון לאַגער) אַפילו דאָס ביסל וואסערדיקע זופ אויף מיטאָג אויך ניט באַקומען. זייער עסן פון 4 ביינאַכט ביז האַלב 7 אָוונט איז באַשטאַנען פון 400 גראַם ברויט.

ערשט שפּעטער האָט מען אָנגעהויבן אַרויסצופירן אויפן שאָסיי זופ אויף מיטאָג.

די וואך-פּאָליציי, וועלכע האָט געהיט די געפאַנגענע אויפן שאָסיי, האָט געהאַט מיט זיך פיל עסן, אַבוץ געשמאַק ווייס-ברויט, מיט וועלכן זיי האָבן זיך געוואָרפן און געגעבן די... פערד פון די רייטער צו עסן. האָבן זיי אַ גאַנצן טאָג, איבערהויפּט בעיסן מיטאָג-איבעריים, געהאַלטן אין איין עסן. פאַרשידענע פליישן, פרוכטן, צוקערוואַרג. טייל פּאָליציאַנטן האָבן זיך וועקגעשטעלט נענטער צו די געפאַנגענע און זיך געריצט מיט די הונגעריקע, פאַרפּייניקטע קאַטאָרגע-אַרבעטער... אַזש די „סלינע“ איז גערינען פונעם הונגעריקן מויל... און מען איז געוואָרן נאָך שטאַרקער הונגעריק...

די פערד פלעגן נישט וועלן עסן דאָס ווייסע ברויט און דאָס צוריק אויסשפּייען פון זייערע פערדישע מיילער..

האָט דאָס באַמערקט אַ געפאַנגענער, האָט ער געוואָרפן אַ וואַרעמען, פאַרליבטן בליק מיט זיינע הונגעריקע אויגן צו די אויסגעשפּיגענע פון פערדישן מויל, נאַסע שטיקלעך ברויט, וועלכע זענען געלעגן אויף דער בלאָטיקער ערד.

אָבער אַפילו אַזאַ זאַך, ווי אויפהויבן אַ שטיקל אויסגעשפּיגן ברויט פון אַ פערדישן פּיסק, איז אין בערעזע פאַרבאָטן....

„גליקלעך“ איז מען געווען, אַז מען איז אַמאָל אַריינגעפאַלן צו רוימען די פּאָליצייאישע צימערן, ווו עס וווינען די פּאָליציאַנטן. דאָרטן האָט מען פון די מיסטקעסטלעך אַרויסגענומען אַלטע שמוציקע שטיקלעך ברויט אָדער אַנדערע שפּייז-אָפּפאַלעכץ. אָבער אויך דאָס איז געווען שטרענג פאַרבאָטן. פאַר אַזאַ זאַך, ווי נעמען אַ שטיקל שמוציק ברויט פון אַ מיסט-קעסטל, האָט געדראָט קאַרצער, געשלאָגן און געפּייניקט צו ווערן.

האָט ווער פון די געפאַנגענע ביים רוימען געפונען אַזאַ „שפּייז-אוצר“ האָט ער די שפּייז געמוזט שנעל אַריינכאַפּן אין מויל, מוירע-האָבנדיק, אַז דער וואַך - פּאָליציאַנט זאָל נישט באַמערקן, אַז ער באַוועגט מיטן מויל... וועט דאָך קומען אַ באַפעל: „עפענען דעם פּיסק!“ און דעמאָלט... האָט דאָך דער געפאַנגענער אַ זיכערן קאַרצער מיט גומי-שטעקנס... האָט מען געמוזט שנעל עסן, אַראָפּשלינגענדיק גאַנצע שטיקער נישט-צעקייטע, שמוציקע ברויט, אָדער טאָז אָן אַרבעט, וואָס איז באַשטאַנען פון אויסווישן דעם שטויב פון אונטערן בעט, קעדיי אין דער פויזע קענען אַריינכאַפּן דאָס שטיק ברויט. דערביי האָט מען געדאַרפט אכטונג טאָן, אַז עס זאָלן, כאָלילע, ניט אַראָפּפאַלן קיין „קרישקעס“ פון ווייסן ברויט — דאָס וועט דאַן זיין דער בעסטער מאָסער, אַז מען האָט געגעסן...

מיטנעמען די געפונענע שפּייז אין די קאַמערן אַריין איז געווען אומעגלעך, ווייל נאָכן פאַרלאָזן די וווינונגען פון דער פּאָליציי, ווו מען רוימט, גייט מען אַדורך אַ גענויע רעוויזיע, מען טוט אויס נאַקעט און פאַר יעדע מינדעסטע געפונענע קליניקייט גייט מען אין קאַרצער...

זענען אַ טייל געפאַנגענע, וועלכע האָבן געפּאַקט ביים רוימען אַ ביסל

שפּייז און געוואָלט דאָס „רויק" און „באַקוועם" אויפעסן, געפאַלן אויף אַ „האַמצאָע": זיך געוואָנדן צום וואַך - פּאָליציאַנט מיט אַ באַקאָשע צו גיין אין קלאָזעט. די אויסרעכענונג איז געווען אַ פּאָשעטע: דער וואַך - פּאָליציאַנט וועט אין קלאָזעט אריין גופא ניט מיטגיין (ער דאַרף דאָס אַפּילע לויטן רעגולאַמין טאָן). נו, וועט מען פאַרדינען ביי דער געלעגנהייט צוויי זאַכן מיט איינמאָל: אי מען וועט קענען דערליידיקן די נאַטירלעכע באַדערפעניש, אי מען וועט אויפעסן אינאיינוועגס... די שפּייז... ניט איין אַרעסטירטער האָט אין בערעזע גאַנץ געשמאַק און אַזאַ ניט „קולטורעלער פּאָזע" אויפגעגעסן די „געפונענע" און געגאַנוועטע שפּייז...

עס זענען אין בערעזע, אויך געווען פאַלן (עמעס, זעלטענע), ווען די פּאָליציאַנטן גופא האָבן אין זייערע צימערן, געלאָזט ספּעציעל אויפן טיש ליגן אַ שטיקל ברויט און זיך געמאַכט ניט „זען", ווי דער געפאַנגענער גריזשעט דאָס אויף.

פון די 400 גראַם ברויט, וואָס דער געפאַנגענער האָט באַקומען, האָט אים אַפּילע נישט געקלעקט אויף איינמאָל זיך אָנצועסן צו דער זאַט. די געפאַנגענע פלעגן ביי זיך „באַשליסן", אַז מאָרגן וועט מען ביים „פרישטיק" גאָר אויפעסן אַ האַלבע פּאָרציע און די רעשט איבערלאָזן אויף אָרום 9 א זייגער פרי, ביי דער אַרבעט, צו שטילן דאָס „פּאַכאַלעשטע האַרץ". אָבער דעם „באַשלוס" פלעגט דער געפאַנגענער קיינמאָל נישט רעאַליזירן... ווייל אָפּעסנדיק די ערשטע האַלבע פּאָרציע באַלד ביים אָנבייסן, האָט ער יעדן מינוט געטאָן אַ ביס, אַ לעק, פון דער צווייטער העלפט... ביז עס איז אים גאָרניט פאַרבליבן..

די פּוילישע און אוקראַאינישע געפאַנגענע נאַציאָנאַליסטן, וועלכע זענען אין דער קיך אַלעמאָל געווען אין דער מערהייט, האָבן ביים פאַנאַנדערטיילן דאָס עסן אומגעהייער שיקאַנירט די פּראָלעטאַרישע געפאַנגענע און ספּעציעל די יידישע. אין די „מענאַשקעס" פון די פּראָלעטאַרישע געפאַנגענע האָבן זיי אריינגעגאָסן וואַסערדיקע זופּ. דאַקעגן די אייגענע, האָט מען געגעבן געדיכט. ווען עס איז אויסגעפאַלן, אַז אַ פּראָלעטאַרישער געפאַנגענער זאָל אַרויסגעבן עסן, האָט ער קיין שום אונטערשיד ביי קיינעם נישט געמאַכט: אַלעמען, סיי קאָמוניסטן, סיי נאַציאָנאַליסטן, געגעבן גלייך... דאָס האָבן אַפּילע געמוזט מודה זיין אַלע נאַציאָנאַליסטן. אָבער צוליב דער געמיינער האַנדלונג פון די פּוילישע און אוקראַאינישע נאַציאָנאַליסטן האָבן די פּראָלעטאַרישע געפאַנגענע געמוזט טאָפּלט הונגערן.

ביים עסן דאָס מיטאָג זענען די געפאַנגענע געווען אַזוי פאַרטאָן מיטן שטילן דעם הונגער, אַז נישט קוקנדיק דערויף, וואָס ביי יעדן טיש זענען געזעסן 10 געפאַנגענע, האָט איין געפאַנגענער, נישט געוווּסט, ווער עס איז דער צווייטער וועלכער זיצט לעבן אים... מען האָט אויסגעלעקט מיט די צונג; מען האָט אויסגעקראַצט דאָס לעצטע שטיקל קאַרטאָפל, אַ „זשאַרקעלע" קאַשע... אַ טראָפּן, וואָס האָט זיך פאַרגאָסן אויפן ראַנד פון מענאַשקע... פון דעם קראַצן מיט די לעפל די בלעכערנע „מענאַשקע", וואָס יעדער געפאַנגענער האָט זייער פלייסיק געטאָן, האָט זיך געשאַפן אַ מוירעדיק געקלאַנג, אַ מוזיק, וועלכע עס האָבן אויסגעשפּילט מיט די לעפל 200 געפאַנגענע, געפייניקטע, הונגעריקע. פון די טענער האָט זיך געהערט דאָס געשריי: מיר זענען הונגעריק! מיר ווילן ברויט!

* * *

די הויפּט-טעמע צווישן די געפאַנגענע איז געווען וועגן שפּייז. וועגן איינמאָל זיך אָנעסן צו דער זעט. אַפילע אין שלאָף האָט מען געכאָלעמט וועגן עסן. יעדער געפאַנגענער האָט אין כאָלעם געזען ווי אַלע שוי-פענסטער פון די געוועלבער פון זיין שטאָט זענען אָנגעפילט מיט אַ סך ווייסע און ראַזאָווע גרויסע... לאַבנס ברויט, מיט פּוטער.

מ'האָט „פאַנטאַזירט", אַז אין מאָמענט ווען מען וועט באַפרייט ווערן פון בערעזע, וועט די ערשטע זאַך וואָס מ'וועט טון — קויפן צוויי קילאָ שוואַרץ ברויט מיט קעז, אָדער פּוטער...

טאָג-טעגלעך, נאָכן „מיטאָג", האָט מען געהערט אַזעלכע געשפּרעכן:
— אין מיין „מענאַשקע" איז היינט אַריינגעפאַלן 5 קאַרטאָפל!
— איי, איז די זופּ געווען געשמאַק !

— און איך, זעסטו, האָב קיין איין קאַרטאָפל אויך נישט געהאַט, ווייל מיר איז אויסגעקומען צו נעמען עסן ביי דעם קעסל, ווו ס'האָט געטיילט דער פּוילישער „נאַראָדאָוויעץ" דזשאַרמאָגאַ...

— ווען איך וואָלט באַזיצן אַזאַ קראַפט צו קענען אָפּשפּאָרן צום מיטאָג כאָטש אַ פערטל פּאָרציע ברויט פון פרישטיק אוי, וואָלט דאָס געווען גוט...

ס'איז געווען אין אַ זומער-טאָג פון בוידעש סעפּטעמבער 1934. מ'האָט געענדיקט דעם טאָג אַרבעט אויפן קאָברינער שאָסיי. די זון האָט זיך שוין געהאַט אַריבערגעקוילערט אויף מיירעוו. אַ מילד, פאַרנאַכטיק ווינטל, אַדורכגעזאַפּט מיט רומיאַניק - רייעך, האָט געגלעט די געזיכטער און נאָך מער הונגעריק געמאַכט די מאָגנס.

מ'האָט זיך אויסגעשטעלט אין אַ רייע מיט די אַרבעטס-מאַכשירים אויף די אַקסלען. מ'האָט געוואַרט אָפּצומאַרשירן אין לאַגער אַריין.

ס'האָט זיך דערהערט אַ באַפעל : „מאַרשירן!"

די געפאַנגענע זענען אין גלייכע, מיליטערישע רייען אַרויף אויפן שאָסיי און מאַרשירט צום לאַגער. לעבן מיר איז אויסגעוואַקסן יעראַכמיעל בלאַנק — ער האָט מיט פאַרזיכטיקייט, אַז די פּאָליציי זאָלן נישט דערהערן, דערציילט :

— „היינט בעאייס כ'האָב געטראָגן שטיינער, האָב איך באַמערקט, אַז ביי דער זייט פון אָפּגעשניטענעם טווע פעלד, ליגט אַ... שטיק ברויט. כ'בין געוואָרן ווי באַרוישט, האָב דערפילט די האַנאָע, וואָס מיין מאָגן וועט האָבן פון... ברויט. כ'האָב איינגעשטעלט זיבן טעג קאַרצער. איבערגעריסן די אַרבעט. כ'בין צו אויף דעם אָרט, שנעל אויפגעהויבן דאָס „שטיק ברויט". איך האָב דאָס אָבער נאָך שנעלער צוריק אוועקגעוואָרפן, ווייל דאָס איז געווען — אַ האַרטער שטיין...

* * *

אין דעצעמבער 1934 איז טיילווייז פאַרגרעסערט געוואָרן דאָס עסן אין בערעזע. דער הונגער איז נישט געשטילט געוואָרן. קיין שפּייז פון דער פריי לאָזט מען קיין בערעזע נישט צו.

# מ׳לאָזט נישט עסן

דער רעזשים און טעראָר אין בערעזע איז ספּעציעל צונעשניטן און איינגעשטעלט צו מאַטערן און פּייניקן דיעם געפאַנגענעם אויף אַלע געביטן פון לעבן אין לאַגער. אַפילו ביים עסן הערן נישט אויף די פּייניקונגען און טעראָר.

דאָס באַקומען צו עסן קומט פאָר לויט פאָלגנדיקן אופן : די געפאַנגענע שטעלן זיך אויס לויט די קאַמערן אין 2 לאַנגע רייען, יעדער געפאַנגענער מוז זיך געפינען אויף זיין באַשטימט אָרט. ס׳איז פאַרבאָטן ארויסצוגיין, אָדער ארויסצובייגן זיך פון דער רייע. איין פּלייצע מוז צודעקן דעם צווייטנס פּלייצע. נאָכן באַקומען דאָס עסן, מוז זיך דער געפאַנגענער אַוועקזעצן אויף זיין באַשטימט אָרט, שטום, אָן אַ וואָרט אויסרעדן, צו אַ צווייטן געפאַנגענעם, מיט וועלכן מען זיצט צוזאַמען ביים טיש. מ׳טאָר נישט אַוועקגעבן אַ צווייטן געפאַנגענעם קיין ביסל זופּ אָדער שטיקל ברויט

דאָס עסן דויערט נאָר 10 מינוט און מען אַ העלפט פון די געפאַנגענע נאָך נישט האָבן געענדיקט דאָס עסן, הערט זיך אַ פייף און אַלע געפאַנגענע, טייל מיט די לעפל אין מויל, מוזן זיך אויפרייסן פון די זיין-פּלעצער און שטעלן אויף „באַטשנאַשטש". פילמאָל געפעלט נישט דעם פּאָליציאַנט דאָס „אויפשטיין אויף באַטשנאַשטש", באַזערט ער איבער אַ 10-15 מאָל דאָס פייפל און די געפאַנגענע ווי „ספּרונזשינעס" באַוועגן זיך לויטן פייפל מיט „זיצן" און „אויפשטיין"!

קיינמאָל באַווייזן נישט אויפצעסן דאָס עסן די, וואָס באַקומען די לעצטע. (יעדן טאָג באַקומט אַ אַנדערע קאַמער די לעצטע דאָס עסן). יאָגן זיך טאַקע די געפאַנגענע ביים עסן, מען „כאַפּט שנעל אַריין", מען ברינט זיך אָפּ דאָס מויל. מען קייעט נישט, נאָר מ׳שלינגט. יעדער וויל האָבן אויפגעגעסן פאַרן... פייף..

זעט מען טאַקע טאָג-טעגלעך אַזעלכע בילדער, ווי לויפנדיק איבערן הויף צום וואַשן די קיילים, כאַפּט מען אַריין אויפן וועג דאָס ביסל פאַרבליבענע זופּ. פון דעם יאָגעניש ווערן די געפאַנגענע באַגאָסן מיט טייכן שווייס.

איז אַ רעגנדיקער טאָג, טריפט דער רעגן אין די אָפענע „מאַנאַשקעס". אָבער ווער לייגט אַכט אויף אַזעלכע „קלייניקייטן". די געפאַנגענע גיסן אָן זייער מאָגן די מיט רעגן-וואַסער אויסגעמישטע זופּע...

אַ קורצע צייט נאָכן אָנקומען אין לאַגער פון דעם אינספּעקטאָר יוזעף קאַמאַלע — ס׳איז גראָד אויסגעפאַלן אין די „הייליקע טעג" פון „גאָט געבורט" („באָזשע נאַראָדזעניע") פון יאָר 1934 — זענען די געפאַנגענע 5 טעג צייט ספּעציעל מוירעדיק געפּייניקט געוואָרן ביים עסן.

אָשטאָט 10 מינוט אויף אָפּצועסן, האָט מען געגעבן 5 מינוט (פינף). די, וואָס האָבן באַקומען די לעצטע דאָס עסן, האָבן קיין 5 מינוט אויך ניט געהאַט. נאָך איידער מ׳האָט באַוויזן צו נעמען אין מויל אַריין עטלעכע לעפל עסן, האָט זיך שוין געהערט דאָס באַקאַנטע פייפל... דרייפערטל פון דער מענאַשקע איז נאָך אָנגעפילט מיט זופּ. דער מאָגן איז ליידיק און הונגעריק, די אויגן קוקן מיט „פאַרליבטע בליקן" אויף דער אָנגעפילטער מענאַשקע, אָבער... מ׳טאָר נישט...

מען מוז שטיין אויף „באַטשנאַשטש"

מען מוז נאָכן „באַטשנאָשטש“ לויפֿן אויסוואַשן די „מענאַשקעס“.
מאַרקאָווסקי האָט דערקלערט:

— די אַדמיניסטראַציע איז נור אינטערעסירט אַרויסגעבן דאָס עסן, אָבער אַז איר זאָלט האָבן די מעגלעכקייטן דאָס עסן אויפצועסן — דאָס גייט אונדז נישט אָן.

ער, דער טאַליען, האָט אין די דאָזיקע 5 פאַרשאַרפטע געהענעם-טעג באַפוילן:

— ס'איז פאַרבאָטן צו עסן, לויפנדיק איבערן הויף.
— ס'איז פאַרבאָטן אַרויף צו טראָגן אין קאַמער אַריין עסן!
— ס'איז פאַרבאָטן... אויסצוגיסן דאָס עסן אויפן הויף..

אַלזאָ: אין עס - קאַמער האָט מען נישט דערלויבט צו עסן. אויפן הויף — נישט, לויפנדיק — נישט. אויסגיסן דאָס עסן קעדיי צו קענען אויסוואַשן די מענאַשקע — אויך נישט; האָבן טאַקע אַ רייע געפאַנגענע אָנשטאָט עסן מיטן לעפל, אַריינגעגאָסן מיט דער „מענאַשקע“ דאָס עסן אין האַלדז אַריין... טייל האָבן באַהאַלטן אין די קעשענעס פון די מאַלבושים שטיקער ווייכע נאַסע קאַרטאָפּלעס מיט קאַשע. און דאָס נאָכער ביגעניוועע אין קאַמער אויפגעגעסן ...

* * *

איינמאָל איז געשען אַזאַ פאַל: בעאייסן מיטאָג זענען פון אַ טיש 3 געפאַנגענע צוגעלאָפן צום קעסל און געהאָלט אויסקראַצן פון דנאָ אַ ביסל „זופּ“. פון קעסל איז שוין אַלץ געווען אויסגעלעקט. די דריי געפאַנגענע מיט די ליידיקע „מענאַשקעס“ אין די הענט האָבן זיך אומגעקערט אויף זייערע ערטער.

דאָס האָט באַמערקט דער פּאָליציאַנט שיטעק; ער איז צו צום טיש און פאַרלאַנגט פון די געפאַנגענע אַז זיי זאָלן אים אָנווייזן, ווער ס'זענען דאָס געווען די דריי פערזאָן. אַזוי ווי קיינער פון די „טיש זיצערס“ האָבן נישט געוואָלט זאָגן, האָט שיטעק באַשטראָפט אַלע 10 געפאַנגענע פון טיש. ער האָט פאַר די אויגן פון אַלע געפאַנגענע אַרויסגעשלעפּט די 10 מאַן, אויסגעשטעלט זיי אין מיטן פון עס-קאַמער, באַפוילן מיט די מענאַשקעס אין די הענט צו מאַכן „פאַדני“ און „פּאָווסטאַן“. אין אַ טייל „מענאַשקעס“ האָט זיך געפונען אַ ביסל זופּ, איז דאָס ביי דער שטראָף-גימנאַסטיק אויסגעגאָסן געוואָרן און צום סאָף האָט שיטעק יעדן געשלאָגן מיטן גומי-שטעקן..

## „צוווקס“

„צוווקס“, דאָס איז דער נאָמען פון יעדן נייעם געפאַנגענעם, וועלכער קומט אָן אין קאָנצענטראַציע-לאַגער, קיין קאַרטוז-בערעזע.

אַ יעדיע, אַז ס'איז דאָ אַ „צוווקס“, ווירקט אויף די אַלטע געפאַנגענע אַזוי ווי אַן עלעקטרישער שטראָם. יעדער געפאַנגענער דערוואַרט שוין מיט אומגעדולד צו דערזען דעם נייעם „גאַסט“. ווער איז ער דאָס?

— אַ קאָמוניסט? אַן אוקראַאינישער אָדער פּוילישער נאַציאָנאַליסט? מ'ווייסט נישט!

אַ „צוווקס“ — דאָס איז די „לעבעדיקע צייטונג“ אין בערעזע. פון אים

וועט מען זיך דאָך קענען דערוויסן, וואָס ס'הערט זיך אויף דער גרויסער, לעבעדיקער וועלט.

אַממייסטן ברענגט מען נייע אין די פֿאַרמיטאָג - שעה, אַרום 11 אַזייגער.

אַמ פֿירט מען דעם נייעם אין דער געבײדע פֿון אינספּעקטאָר. זײַן אויסזען און קליידונג איז פֿון אַ נאָרמאַלן מענטשן. אין עטלעכע שעה אַרום וועט דער דאָזיקער נאָרמאַלער מענטש פֿאַרוואַנדלט ווערן אין אַ לעבעדיקן אויטאָמאַט. אַ נומער אויף דער פּלייצע, אַ קיילעכדיק קאַטאָרגע-היטעלע אויפֿן קאָפּ, הילצערנע „טרעפּעס" אויף די פֿיס; געיאָגט און געטריבן, אין די הענט פֿון דער פּאָליציי.

די לאַגער-אַדמיניסטראַציע האָט אַ ספּעציעל אויסגעאַרבעטן „קאַבאָלעס-פּאָנים-פּראָגראַם" אויפֿצונעמען אַ נייעם געפֿאַנגענעם. אין די ערשטע צייטן, ייען דער גומי-שטעקן איז אַממייסטן געגאַנגען אין באַוועגונג: דאַמאָלט פֿלעגט דאָס לייב פֿון אַ ניי-געקומענעם באַדעקט ווערן מיט ברוין-בלאָע צייכנס. דער נייער פֿלעגט פֿאַלן עטלעכע מאָל חלשות, האָבן בייזאַרטע האַלוציִנאַציעס. יע-דער פּאָליציאַנט האָט געפּוּנען פֿאַר זיין הייליקן כוח צו שלאָגן אַ „צוווּקס", ביז זיין לייב איז געוואָרן געשוואָלן און צעבלוטיקט...

אַזאַ „אויפֿנאַמע" אין בערעזע האָט געהאַט זלאַטאָוו.

ס'וועט זיין גענוג צו דערמאָנען, אַז ווען מ'האָט אין עטלעכע טעג אַרום, נאָך זלאַטאָווס אָנקומען אין לאַגער אים אַריינגעוואָרפֿן אויף 6 טעג אין אַ וויסטן קאַרצער, ווו ער האָט געהונגערט, געשלאָפֿן אויף דער פֿייכטער ערד און שטשורעס האָבן שפּאַצירט, האָט זלאָמאָוו נאָכן אַרויסקומען פֿונקאַרצער מיט אַ פּאָנעם ענלעך צו אַ האַלב-פֿאַרשמאָרבענעם. דערקלערט, אַז אין קאַר-צער האָט ער פֿרייער אָפּגעעטעמט... און ער האָט זיך דאָרט געפֿילט גוט...

אַזאַ ענלעכן „קאַבאָלעס-פּאָנים" האָט אויך געהאַט כאַים רודעל.

נאָך דער גרויסער עפֿנטלעכער קאַמפּאַניע און מאַסן-פּראָטעסטן קעגן דעם שלאָגן אין בערעזע איז דאָס שלאָגן פֿאַרקלענערט געוואָרן דורך... אַ פֿאַר-גרעסערונג פֿון אַנדערע סאַדיסטישע גרויל-פּייניקונגען. האָט די אַדמיניסטראַ-ציע איינגעשטעלט אַ נייע „אויפֿנאַמע" פֿאַר אַ „צוווּקס":

אין דער קאַנצעלאַריע פֿון אינספּעקטאָר ווערט דעם ניי-אָנגעקומענעם דערקלערט פּאָלגנדיקעס:

„פֿון דעם איצטיקן מאָמענט אָן פֿאַלט דער אַרעסטירטער אַרונטער דעם רעגולאַמין פֿון לאַגער. פֿאַר יעדער מינדעסטער נישט אויספֿירן דעם רעגו-לאַמין, ווערט מען שטרענג באַשטראָפֿט.

„פֿאַרן קלענסטן פּרוּוו פֿון אַנטקעגנשטעלן זיך דער פּאָליציי, אָדער וועלן אַנטלויפֿן... שפּילן מיר זיך נישט לאַנג.. אַ קויל אין קאָפּ — און פֿאַרטיק.

— דאָ, אין בערעזע, איז אַן אַרעסטירטן נישט דערלויבט אַפֿילו צו... טראַכטן — פֿאַרשטאַנען?

ס'הערט זיך אַ באַפֿעל:

— איבערנעמען דעם אַרעסטירטן אין די הענט פֿון דער לאַגער-וואַך!

און דאָס בערעזער געהענעם פֿאַרן ניי-געקומענעם הייבט זיך אָן.

דער „צוווּקס" ווערט אַריינגעטריבן „ביעגעם" איבער גרויסן לאַגער-הויף, אַריינגעיאָגט אין אַ לאַנגן, שמאָלן, פֿינסטערן קאָרידאָר. יעדער פּאָליציאַנט, וועלכן ער טרעפֿט אָן אין קאָרידאָר, שלאָגט און טרייבט כוועק. מ'פֿירט אים אַריין אין מאַגאַזין-קאַמער. דאָרט באַקומט ער די קאַטאָרגע-מאַלבושים, ליי-

לעך, קאַין, „טרעפּעס" און „מאַנאַשקע". דאָס דערלאַנגען די מאַלבושים קומט פאַר אויף אַ געמיינעם, לאַבוזעוואַטן אויפן. מ'וואַרפט דעם „צוווקס" יעדע זאַך אין פּאָנים אַריין. מ'וויל אים צעטומלען, באַטייבן...

דער וואַך-פּאָליציאַנט שרייט דערביי:

— הינטיש בלוט!

— ריר זיך שנעלער! „שיבקאָ"!

— דו ביסט נישט אין דער היים!

— דאָ איז בערעזע!

אָפּגעפּאַרטיקט זיך אין מאַלבושים-מאַגאַזין, טרייבט מען דעם „צוווקס" אַריין אין וואַך-קאַמער (וואַרטאָווניע). דאָרטן קומט פאָר א געניע רעוויזיע. די פּאָליציאַנטן מאַכן איבער אים סאַדיסטישע גרויל-אָרגיעס, מען באַפעלט דעם „צוווקס" זיך שטעלן מיטן פּאָנעם צו דער וואַנט אויף „באַטשנאָשטש", מ'זידלט, מ'סטראַשעט, מ'טרייבט פון אים כוויזעק און... מ'לאָדנט אָן א רע-וואָלווער צום שיסן.. אין אַזאַ פּאָזע מוז דער נייער שטיין עטלעכע שאָ.

איז דער נייער אַ ייד, זענען די פּייניקונגען אַדורכגעפלאָכטן מיט אַנטי-סעמיטישע שטיק און מיט קאָמוניסטן-האָס.

— ס'האָט זיך דיר, זשיד, פאַרגלוסט די קאָמונע?...

— וועלן מיר דיך אין בערעזע לערנען קאָמוניזם!

איבערגעקומען די וואַרטאָווניע, פירט מען דעם „צוווקס" אַריין אין דעם מיט שטעכיקן דראָט אַרומגעצוימטער אַרעסטאַנטן-געביידע. אין דעפּאָ-זיט-קאַמער ווערן פון אים צוגענומען אַלע זיינע ציווילע מאַלבושים און זאַכן; האָט ער אַ ביסל עסנוואַרג פון דער פריי, ווערט דאָס פאַרברענט. שנעל מוז ער פון זיך אַראָפּציען די ציווילע קליידער און שנעל אויף זיך אַרויפציען די קאַטאָרגע-מאַלבושים, אָנגייען דעם נומער אויף דער פּלייצע און אַרבל — און ס'איז פאַרטיק אַ נייער לעבעדיקער ציפער אין בערעזע.

נאָך דעם ווערט דער נייער אַרויפגעטריבן אין אַ ספּעציעל-צוגעגרייטן גרויסן פוסטן קאַמער, די פענסטער זענען פאַרקלאַפּט מיט ברעטער. ס'קומט אָן דער קאָמענדאַנט מיט אַ „פריזיער", מ'שערט אים אָפּ די האָר. און מען הויבט אָן די פּייניקונגען.

קוידעם-קאָל מוז ער קענען פון אויסנווייניק די מעלדונג פאַרן אינספּעק-טאָר, וואָס ער וועט דאַרפן אָפּגעבן אויף צומאָרגנס פאַרטאָג ביים ראַפּאָרט און אויך דעם רעגולאַמין, וואָס האַלט אַ 40 שורעס לאַנגע מאַשין-שריפט. דאָס אַלץ אויסלערנען זיך פון אויסנווייניק ווערט געגעבן אַ צייט פון געציילטע מינוטן.

אין בערעזע איז איינגעפירט, אַז נישט געקוקט דערויף, וואָס אַ נייער געפאַנגענער, ווערט דאָס ערשטע אַריינגעפירט צום אינספּעקטאָר, פונדעסט-וועגן מוז ער אויף צומאָרגנס זיך שטעלן פאַרן אינספּעקטאָר אויף „באַטש-נאָשטש" און זיך מעלדן לויטן פאָלגנדיקן נוסעך:

— הער אינספּעקטאָר!

דער אַרעסטירטער נומער... מעלדעט געהאָרכזאַם וועגן זיין אָנקומען אינם „איזאָלאַציע-פּונקט" קיין קאַרטוז-בערעזע.

(דער אָפיציעלער נאָמען פון פּוילישן קאָנצענטראַציע-לאַגער איז „איזאָ-לאַציע-פּונקט" — זייער איידל...)

נאָך דער „לעקציע" הויבט זיך אָן פאַרן „צוווקס" די פּייניקונגס-גימ-נאַסטיק. „פּאַלן", „אויפשטיין", „זיצן", „לויפן", גומי-שטעקנס, נייע זידלע-רייען און געמיינע באַליידיקונגען. יעדער פּאָליציאַנט, וואָס ווערט געטווישט

אויף דער וואך, הייבט אן אליין פון אנהייב... א מידער, א פארפייניקטער, א הונגעריקער, (די ערשטע 24 שא ווערט נישט געגעבן קיין עסן) ווערט ער אומאויפהערלעך געמאטערט. די ערשטע דריי נעכט באקומט ער נישט קיין שטרויזאק. ער מוז זיך וואלגערן אויף דער קאלטער פאדלאגע. מ'דערלאנגט אים א גרויסן, אייזערנעם קעסל מיט וואסער, מיט נאך א גרעסערן דיקן, הארטן זאק, און מען באפעלט צו וואשן לאנגע שאען די אספאלט-פאדלאגע פון קאמער. קעדיי וואס מער אים צו פארפייניקן, מוז ער ביים וואשן טראגן דעם „פולן אוניפארם" און די גאנצע צייט שטיין איינגעבויגן, נישט אויסגלייכן" דעם רוקן...

אויף צומארגנס, נאכן אפגעבן די מעלדונג פארן אינספעקטאר ווערט דעם „צווווקס" געגעבן עסן. ער ווערט נאך געהאלטן איזאלירט פון די רעשט געפאנגענע. לאנגע טעג גיט מען אים די שווערסטע און ערגסטע ארבעטן. ווען אלע ענדיקן די ארבעט, זוכט מען פאר אים אויס א ספעציעלע ארבעט. ביז ער ווערט אויס „צווווקס" און גייט אריין אין דער ראל פון א סטאבילערן געפאנגענעם אין קארטוז-בערעזע.

## שיך.

באלעסלאוו גרעפער, וואס איז נאכן פארלאזן דעם אמט אלס אינספעקטאר פון בערעזע דערהויבן געווארן פון א שטאטישן פויזנער פאליציי-קאמענדאנט ביז צו א קאמענדאנט פון דער פאליציי איבער דער גאנצער פויזנער וואיעוודזטווע; — ער האט זיך „קאשער" די דאזיקע שטייגערונג פארדינט. ער, באלעסלאוו גרעפנער, איז א גוטער טאלמיד פון קאסטעק ביערנאצקין. ער איז אן אויסגעצייכנטער סאדיסט. גרעפנער האט דורך אזא פראסט פאשעטע זאך, ווי שיך, עטלעכע כאדאשים מוירעדיק פארפייניקט די געפאנגענע.

ווען מ'וואלט אין די ערשטע כאדאשים געפרעגט א געפאנגענעם אין בערעזע:

— וועלכער איז דיין גרעסטער פארלאנג?
— וואס איז די בעסטע זאך אויף דער וועלט?
— וועגן וואס האט זיך דיר היינטיקע נאכט געכאלעמט?

אויף די אלע פראגן וואלט דער געפאנגענער געהאט איין ענטפער:

— שיך! שטיוול!

ס'איז נישט קיין וווּנדער. מ'האט גענומען מענטשן, די גרעסטע טייל שטאטישע, מ'האט אראפגעשלעפט זייערע אייגענע שיך, פון די פיס, מ'האט זיי אנגעטון גראבע, הילצערנע „טרעפעס", וועלכע זענען געווען באדעקט מיט א הארט שטיק לעדער, ווי א ברעט. און דערצו האט מען געמוזט אין די „שיך" לויפן „ביעגעם". די טרעפעס זענען געווען קיטון אויף די פיס. די פיס פון די געפאנגענע זענען געווארן באדעקט מיט בלוטיקע וווּנדן. יעדער האט געהאט ארומגעוויקלטע פיס מיט פארבלוטיקטע, שמוציקע „באנדאזשן". ביים „ביעגעם" זענען די „טרעפעס" אראפגעפאלן פון די פיס. דאס איז געווען א פרעטעקסט אויף צו „שלאגן „פאר נישט גוט לויפן". ביי דער ארבעט איז נישט געווען מעגלעך צו טראגן די „טרעפעס", איז מען געגאנגען בארוועס מיט די נאקעטע פיס איבער פעלדער מיט אפגעשניטענע טוועס, איבער שטעכיקע שטיינדלעך פון שאסיי. דאס איז געווען א מוירעדיקע פיין.

האָט אַ באָרוועסער געפאַנגענער זיך געשטעלט אויף אַזאַ אָרט, אַז ביים מאַרשירן צו דער אַרבעט זאָל ער אויסקומען אין עק פון שאָסיי, ווו עס געפינט זיך זאמד — האָט מען אַזאַ איינעם דאַווקע אַריינגעטריבן אין מיטן פון שאָסיי ווו ס'געפינען זיך אַ סאַך נאַקעטע שפּיציקע שטיינדלעך, קעדיי די פיס זאָלן זיך בעסער צעשטעכן.

גרעפנער האָט איינגעשטעלט אַזאַ סיסטעם: אייגענע שיך האָבן געקענט טראָגן די געפאַנגענע, וועלכע האָבן פאַרמאָגט צוויי פּאָר שיך. און אַזוי ווי יעדער געפאַנגענער האָט געהאַט נאָר איין פּאָר שיך, וועלכע זענען אויך נישט געווען צוגעפּאַסט צו ערד־אַרבעט, האָבן זיך באַלד צעריסן, און די, וואָס האָבן באַקומען אַ דערלויבעניש צו שרייבן אַ היים צו זייערע פאַמיליעס און פאַרלאַנגט שיך, האָבן באַקומען איין פּאָר שיך, וועלכע זענען פון דער אַדמיניסטראַציע פאַרהאַלטן און נישט אַרויסגעגעבן געוואָרן דעם געפאַנגענעם.

דער אָפיציעלער אָפּזאָג פון נישט אַרויסגעבן די שיך איז געווען:

— „דער געפאַנגענער זאָל האָבן אַ פּאָר גוטע שיך ביים באַפרייט ווערן פון לאַגער".

פאַקטיש איז דאָס נאָר געווען אַן אויסרייד, בכדי צו קענען פייניקן דעם געפאַנגענעם מיט אָנקליידן אים די „טרעפּעס". איז אויסגעקומען, אַז איידער דער געפאַנגענער האָט באַקומען פון זיין פאַמיליע אַ צווייטע פּאָר שיך, וואָס ס'איז אָפטמאָל פאַר די פאַמיליעס נישט געווען פאַרשטענדלעך, צו וואָס איז דאָס נויטיק אין אַזאַ קורצער צייט אַ צווייטע פּאָר שיך. (און נישט אַזוי שנעל האָט מען דערלויבט צו שרייבן בריוו).

זענען אָפּגעלאָפן לאַנגע וואָכן און די געפאַנגענע האָבן „דערווייל" געמוזט טראָגן די געהענעם־טרעפּעס, אָדער גיין באָרוועס.

אַז צווישן די געפאַנגענע האָט איינער אָנגעטון אַ פּאָר אייגענע לעדערנע שיך, אָדער שטיוול, האָבן די רעשט מיט פאַרליבטע בליקן געקוקט אויף די „גליקלעכע" פיס, וועלכע וועלן זיך שוין מער נישט צעשטעכן און צוקאַלעטשן. יעדער האָט ביי זיך געטראַכט: „ווען וועט שוין קומען דער מאָמענט, ווען מיינע פאַרוווּנדעטע פיס וועלן דערפילן די באַקוועמלעכקייט פון אַ פּאָר לעדערנע שיך."

דער לענגסטער באָרוועס־גייער פון בערעזע איז געווען יעראַכמיל בלאַנק. אפילו אין כוידעש נאָוועמבער פון 1934 האָט בלאַנק געשפּרייזט מיט זיינע נאַקעטע, געשוואָלענע פיס איבער דער ליימיקער, קאַלטער ערד פון פּאָלעסיע. ס'איז געווען אַ גרויל צו קוקן אויף דעם דאָזיקן פאַרפייניקטן אַרבעטער.

איינמאָל האָט גרעפנער באַמערקט, אַז בלאַנק גייט באָרוועס. ער האָט אים אָפּגעשטעלט און געפרעגט:

— פאַרוואָס גייט דער אַרעסטירטער בלאַנק באָרוועס און טראָגט נישט די טרעפּעס?

בלאַנק האָט גרעפנערן אָפּגעענטפערט:

— מיינע שיך וויל מען נישט אַרויסגעבן, „טרעפּעס" קען איך נישט טראָגן, ווייל דאָס זענען קייטן אויף די פיס!

גרעפנער האָט בלאַנקן דערלאַנגט אַ פּאַטש אין פּנים, פון וואָס ער איז טויב געוואָרן אויף איין אויער.

גרעפנער האָט זיך דערביי צעשריגן:

— דו קאָמוניסט! איך וועל דיר ווייזן אַ בונטעווען זיך! איך באַפעל גלייך אָנצוטון „טרעפּעס"!

# קייטן,

קיין אייזערנע קייטן, אין וועלכע ס'זענען געווען געשמידט די קאטארזשניקעס אין אמאליקן צארישן רוסלאנד, טראגן די געפאנגענע אין בערעזע נישט.

פאקטיש איז דער געפאנגענער אין פוילישן קאנצענטראציע-לאגער איינגעפרעסט אין אזא צוואנג פון א שארפן רעגולאמין און טעראר, וואס איז פיל שווערער איבערצוטראגן ווי די צארישע קאטארגע מיט אירע קייטן.

אין די קאמערן איז יעדער געפאנגענער צוגעשמידט צו זיין באשטימט ארט לעבן שטרויזאק. די גרויס פון שטאך איז איין קוואדראט-מעטער. טרעפט מען א געפאנגענעם נישט אויף זיין באשטימט ארט — דאן ווערט ער באשטראפט מיט קארצער.

די ערטער פאר די קאמוניסטן אין די קאמערן זענען אזוי איינגעטיילט, אז צווישן איין קאמוניסט און א צווייטן געפינען זיך 5 נאציאנאליסטן. דאס באשווערט שטארק די מעגלעכקייטן פון קענען פירן צווישן זיך געשפרעכן און זיך צו פארשטענדיקן.

אין די קאמערן זענען קיין בענק צום זיצן נישט פאראן. „זיצן" קען מען אויף דער קאלטער, שמוציקער אספאלט-פאדלאגע. מ'טאר נישט אנשפארן די פלייצע, אין דער הילצערנער „פריטשע" אפילע ביים אויפשטעלן זיך, איז פארבאטן זיך אנצוהאלטן מיט די הענט אין דער „פריטשע", וויל מען פארשנעלערן דאס אויפהויבן דעם קערפער פון אספאלט, מוז מען אנשפארן די הענט אין דער זעלבער פאדלאגע.

קעדיי צו מאכן באקוועמער דאס „זיצן" אויפן אספאלט, זענען די געפאנגענע געפאלן אויף דער „המצאע" און אונטערגעלייגט ביים זיצן דאס היטל אונטערן געזעס.

איז ארויס א באפעל:

— קיין שום זאך טאר נישט אונטערגעלייגט ווערן ביים זיצן!

דאס „פארגעניגן" פון זיצן אויפן אספאלט, וואס דויערט א 10-15 מינוט, ביים מיטינג און אין אוונט נאך דער ארבעט, האט מען אויך נישט געלאזט באקומען.

לויטן רעגולאמין, איז ווי נאר דער פאליציייאישער שטיוול טרעט איבער די שוועל פון קאמער (די טירן פון די קאמערן זענען אפן) דאן מוז א געפאנגענער, וועלכער דערזעט דער ערשטער דעם פאליציאנט, — מאמענטאל זיך אויפשטעלן און שרייען „באטשנאשטש"! אויף דעם געשריי מוזן די רעשט געפאנגענע פונם זעלבן קאמער אויך זיך אויפרייסן פון זייערע פלעצער און זיך שטעלן „באטשנאשטש".

איז ווי נאר דער וואך-פאליציאנט, וואס שפאצירט הין און צוריק אין קארידאר, באמערקט, אז די געפאנגענע האבן זיך אוועקגעזעצט אויף דער ערד, דאן טרעט ער יעדע עטלעכע סעקונדן איבער די שוועלן פון די קאמערן און צווינגט אזוי ארום די געפאנגענע אלע רגע זיך אויפשטעלן קעדיי פאטער צו ווערן פון דער מאטערניש, זיצן זיך די געפאנגענע נישט אוועק, נאר בלייבן שטיין, לעבן די ווענט.

ס'טרעפט אפט פאלן, ווען דעם פאליציאנט געפעלט נישט דער אויפן ווי

אזוי דער געפאנגענער האט געשריגן „באטשנאשטש“ בעיס ער האט זיך באַוויזן אין דער קאמער.

דעמאלט קומט פאר אזא געשפרעך:

— דו פארשאלטענער, דו מיינסט, אז איך האב נישט געזען אז דו האסט געשריגן „באטשנאשטש“ ערשט דעמאלט, ווען איך האב זיך געפונען עטלעכע סעקונדן אין קאמער. נו, ענטפער, פארוואס האסטו זיך פארשפעטיקט מיטן „באטשנאשטש“?

ניין, הער קאמענדאנט! איך האב אין דער צייט געשריגן „באטשנאשטש“.

— וואס? „ביקו“ איינער דו לייקנסט? דו זאגסט ליגן? דו נארסט א פאליציאנט? 10 מאל „פאדניע“ „פאוסטאן“. מארגן אינדערפרי וועסטו שטיין צום שטראף-ראפארט פאר ליגן - זאגן.

⁂

א געוויסע צייט האט מען זונטיק אריינגעגעבן אין די קאמערן בענק צום זיצן, אבער מיט די בענק איז נאך געווען ערגער ווי אן זיי. פון איין זייט איז מען געווען „הומאניטאר“ און געגעבן בענק און פון דער צווייטער זייט האט מען באפוילן:

— די גאנצע צייט זיצן אויפן באנק!

— נישט אויפשטעלן זיך!

זיצן אויף די בענק האט מען נאר געקענט דארט, ווו דער פאליציאנט האט אנגעוויזן און אויך נישט לעבן דעם געפאנגענעם, מיט וועמען עס האט זיך געוואלט זיצן צוזאמען.

אפטמאל פלעגן די געפאנגענע פארמאטערט ווערן פון לאנגע שאען זיצן ווי א מומיע אויף איין ארט. האבן זיך טייל „אויפגעשטעלט“ און „שפאצירט“ הין און צוריק. ווי נאר ס'האט דאס דערזען דער וואך-פאליציאנט, האט מען פארשריבן צום שטראף-ראפארט פאר אויפשטעלן זיך פון באנק אן א דערלויבעניש.

די פאליציאנטן פלעגן זיך אויך לוסטיק מאכן איבער די געפאנגענע. אריינקומען אין קאמער און אן שום פארוואס אויסקלייבן א געפאנגענעם און אים באפוילן צו מאכן „פאלן“ און „אויפשטיין“, אדער אנדערע פייניקונגען. איינמאל, ווען ס'איז אויסגעפאלן אויפן פראלעטארישן געפאנגענעם מארדכע בוימקאלער, אז ער זאל אויספירן אזא גימנאסטיק, האט ער זיך אפגעזאגט, דעם באפעל נישט אויסגעפירט. געענדיקט האט זיך דער פאל, אז מארקאווסקי האט בוימקאלערן שטארק געשלאגן.

⁂

דער סאדיסט וויעטשארעק האט דערפונדן א ניי מיטל פון צו קענען שטערן די געפאנגענע צו קענען זיצן אין די קאמערן אפילו אין די אויבנדערציילטע באדינגונגען.

פארן קומען פון דער ארבעט, האט ער באפוילן, אנגיסן וואסער אויף די אספאלט-פאדלאגעס. דערביי איז זיין סאדיזם דערגאנגען אזוי ווייט, אז אנשטאט וואסער האט וויעטשארעק געהייסן אויסגיסן די ביסלעך קאווע, וואס די געפאנגענע האבן אפגעשפארט פון פרישטיק און איבערגעלאזט צו דערכאפן דאס הארץ מיט א טרינק נאכן קומען פון דער ארבעט.

די געפאנגענע האבן שוין געוווסט, אז ווען דער פאליציאנט וויעטשארעק האט דיזשור אינם ארעסטאנטן-בלאק, וועלן זיין נאסע פאדלאגעס.

איינמאל אין א טאג פון כוידעש יולי 1935. וויעטשארעק האט געהאט

דיזשור. די געפאַנגענע זענען אוועק צו דער אַרבעט. מ'האָט געגראָבן אַ ראָוו. ס'האָט אין דעם טאָג אָן אויפהער געגאָסן אַ רעגן. די געפאַנגענע זענען געווען דורכגעווייקט ביזן לייב. קומענדיק פון דער אַרבעט, האָט מען געמוזט פון זיך אַראָפּוואַרפן נישט נאָר אויבערשטע מאַלבושים — נאָר אויך די וועש. די פּאָדלאָגעס אין די קאַמערן זענען געווען „פריש" באַגאָסן מיט... קאַווע. מידע, נאַסע, איז נישט געווען ווו אָנצושפּאַרן די ביינער. מ'האָט געמוזט שטיין נאַקעטע מיט באָרוועסע פיס אויף דער נאַסער, קאַלטער אַספאַלט-פּאָדלאָגע.

שטום מוז דער געפאַנגענער זיין אין קאַמער, ביי דער אַרבעט, ביים עסן, אין באָד, אין קלאָזעט — איבעראַל מוז ער אויף זיך פילן די בערעזע-קייטן. דאָך געפינען די געפאַנגענע (הויפּטזעכלעך קאָמוניסטן) פאַרשידענע מיטלען זיך צו פאַרשטענדיקן איינער מיטן צווייטן — נישט איין קאָמוניסט פאַלט דערביי אַדורך און פינסטערט אָפּ לאַנגע טעג און נעכט אין קאַרצער.

## די נאַכט-רעוויזיעס.

אין בערעזע ווערן די געפאַנגענע געפּייניקט אַ כוץ פון פאַרטאָג ביזן אָוונט, אויך אין מיטן דער נאַכט מ'לאָזט נישט רואיק שלאָפן.

נאָכן גאַנצן טאָג שווערע אַרבעט, פיזישע און מאָראַלישע יעסורים, ווען די מידע קערפּערס פאַרזונקען אין טיפן שלאָף ווערן מיט אַ שטאַרקן גערויש אויפגעפּראַלט די טירן און אין יעדער קאַמער שיטן זיך אַריין צו 12, 15 פּאָ-ליציאַנטן.

ס'הערט זיך אַ געשריי:

— „פּאָבודקאַ"! — אויפשטיין!

— אויסטון זיך נאַקעט!

— די הענט אין דער הויך!

פאַרשלאָפענע, מידע, נאַקעטע, טרייסלדיקע פון קעלט און פון פּיין, ווערן די געפאַנגענע אין די גרעסטע קעלטן אַריינגעיאָגט אין ספּעציעל צוגע-גרייטע ליידיקע נישט-באַהייצטע קאַמערן, וועלכע געפינען זיך אויף דער צווייטער זייט פון קאָרידאָר. אין קאָרידאָר איז מען מעכאַבעד די לויפנדיקע מיט גומי-שטעקנס איבער די נאַקעטע לייבער.

אין די ליידיקע קאַמערן, מיט די הענט אין דער הויך מיטן פּאָנים צו דער וואַנט מוזן די געפאַנגענע די גאַנצע צייט שטיין אויסגעשטעלט אין רייען. קיין בליק, קיין וואָרט טאָר נישט גערעדט ווערן. אין יעדן קאַמער איז פאַראַן אַ ספּעציעלע פּאָליציי-וואַך.

נאָך אַ שאָ אַזוי שטיין, ווערן די געפאַנגענע צוריק אַריינגעטריבן אין זייערע קאַמערן, אויפן קאָרידאָר און אין די קאַמערן הערשט אַ געוואַלדיקע אומאָרדענונג פון די צעוואָרפענע מלבושים און אַרויסגעשיטע שטרוי פון די שעניקעס. מ'האָט געזוכט און גענישטערט.

ס'הערט זיך אַ באַפעל:

— אָנטון די וועש!

— גלייך לייגן די מאַלבושים אין „אַ קאַסטקע"!

— בעטן די געלעגערס!

— לייגן זיך שלאָפן!

— שטיל זאָל זיין!

די געפאַנגענע ליגן זיך אויף די שטרויזעק. איינשלאָפן איז שווער. אין קאָפּ מאַטערן געדאַנקען, אַז אין דער פרי וועט מען אַוודאי אויסגערופן ווערן צום שטראָף־ראַפּאָרט, ווייל מ'האָט ביי דער רעוויזיע געפונען, צווישן די ברעטער פון דער „פּריטשע" אַן אָפּגעריסן קנעפּל, אָדער אַ שטיקל פאָדעם... און מאָרגן ביינאַכט וועט מען זיך שוין „אויסרוען" אין קאַרצער, אָדער אין אַרעסט, וואָס ווערט פולער נאָך יעדער רעוויזיע...

⁂

איינמאָל זענען אַלע געפאַנגענע אויפגעוועקט געוואָרן אין מיטן דער נאַכט מיט אַ גרויסן שטורעם, ווי עס וואָלט אַן ערד־ציטערניש פאָרגעקומען. קיין רעוויזיעס האָט מען נישט געמאַכט. מ'האָט געהייסן אויסטון נאַקעט און יעדן געפאַנגענעם אַריינגעיאָגט אין אַ ספּעציעלן קאַמער. די קאַמער איז געווען באַלויכטן פון אַ קליין נאַפט־לעמפּעלע. ביים טיש איז געזעסן אַ פּאָליציי־קאָמיסאַר. ער האָט יעדן געפאַנגענעם פאָרגעשטעלט די פאָטאָגראַפיע און דער געפאַנגענער האָט געמוזט אָנרופן זיין נאָמען און שטאָט. (אין לאַגער ווערן די געפאַנגענע פאָטאָגראַפירט) ביים אומקערן זיך האָט יעדער געפאַנגענער געמוזט אַדורכלויפן אַ שפּאַליער פון פּאָליציאַנטן, וועלכע האָבן דערלאַנגט גומי־שטעקנס איבערן נאַקעטן לייב...

## מ'היט, אַז די געפאַנגענע זאָלן זיך נישט צוקילן.

אין טיפן האַרבסט אין נאָוועמבער, ווען ס'האָבן זיך שוין לאַנג געשטעלט קאַלטע וועטערן, ס'האָבן זיך שוין באַוויזן פרעסטלעך און שנייען, טראָגן נאָך אַלץ די געפאַנגענע זייערע זומער מאַלבושים. מ'האָט נאָך אַלץ נישט געגעבן קיין ווינטער־מאַנטלען, קיין טאָפּלטע פּאָר וועש איז פאַרבאָטן צו טראָגן. מען אַרבעט אַ גאַנצן טאָג אויפן רעגן, אויפן ווינט, פראָסט און שניי. די געפאַנגענע האָבן ליגן אין זייערע זעק, אין דעפּאָזיט, פאַרשידענע וואַרעמע מאַלבישים — אָבער ס'איז פאַרבאָטן צו באַנוצן זיך מיט זיי. די לייבער זענען אויסגעקעלטערט, אויסגעפרוירן. די נעגל פון די הענט־פינגער — שטעכן פון דער קעלט. ס'העלפט נישט, מען מוז אין די פינסטערע פאַרטאָגן מיט די געשוואָלענע פינגער פון קעלט אָננעמען די לאָפּאַטעס, ווייסע פון פראָסט און גראָבן די פראָסטיקע ערד.

און פאַרקערט: זומער, אין כוידעש יוני, דיביימער זענען שוין פון לאַנג גוט פאַנאַנדערגעבליט, די טוועס אויף דער פּאָלעסיער ערד זענען שוין הויך — נישט לאַנג וועט זיין שניט. די זון באַקט און פרעגלט דאָס לייב.

דער אינספּעקטאָר יוזעף קאַמאַלאַ זאָרגט דעמאָלט זייער פאַר די געפאַנגענע. ער האָט מוירע, אַז די געפאַנגענע זאָלן זיך כאָלילע „נישט צוקילן" — מען מוז נאָך טראָגן די ווינטער־מאַנטלען... און נישט בלויז טראָגן, מ'מוז אין די ווינטער־מאַנטלען יעדן טאָג מאַכן גימנאַסטיק... פון די לייבער פון די געפאַנגענע גיסן זיך טייכן שוויים, ס'זעצט אַ הייסע פּאַרע, ס'טראָגט זיך אַ שלעכטער רייעך. ניין, מען מוז נאָך אַלץ אין אַ הייסן זומער־טאָג זיין אָנגעטין אין די ווינטער־מאַנטלען, ווייל דאָס איז אַ „רעצעפּט" וואָס דאַרף „אויסהיילן" דאָס פאַשיסטישע פוילן פון די רעוואָלוציאָנערע פּראָלעטאַרישע קעמפער און נאַציאָנאַלע מינדערהייטן...

# דער „פריזיר"־אַנשטאַלט

אין בערעזע ווערן די געפאַנגענע געטריבן און באַשטראָפט אַפילע ביים גאָלן די באָרד (ראַזירן). אין אָנפאַנג האָט מען די געפאַנגענע אינגאַנצן נישט געגאָלט. יעדער האָט געטראָגן אַ באָרד, וואָס האָט נאָך מער פאַרכווישעכט זיין אויסזען.

נאָכדעם איז איינגעשטעלט געוואָרן, אַז יעדע וואָך ווערן די געפאַנגענע געגאָלט. די פריזירערס זענען די געפאַנגענע גופא. די גרעסטע טייל האָבן אין דעם פאַך די מינדעסטע אַנונג נישט. אַזוי אַז איבערטראָגן דאָס גאָלן דעם פּאָנים מיטן טעמפּן מעסער — דאָס אַליין איז אַ שטיק בערעזע... שוין אָפּגערעדט פון דער „היגיענע". פאַר אַ צאָל פון צוויי הונדערט געפאַנגענע איז געווען 2 מעסערס און 2 פּענזלעס. וואַסער איינצוזייפן דעם פּאָנים ווערט גענוצט פאַר אַלעמען פון איין גרויסן שמוציקן עמער, און די פּענזלעס ווערן געטונקען אין אַ שטיק שמוציק זייף וואָס ליגט אויף אַ גאָלן, נישט זויבערן טיש.

גרופּנווייז ווערן די געפאַנגענע „ביעגיעם" אַריינגעטריבן אין אַ באַזונדערער „פריזיר קאַמער". אונטער אַ „ספּעציעלער פּאָליציי שמירע, מוזן זיך די „געסט" אויסשטעלן אין אַ רייע גלייך, לויט דער מיליטערישער אָרדנונג. אויך דאָ הערשט דער האַרטער בערעזער רעגולאַמין: מען מוז שטיין אומבאַוועגלעך, ווי אַ מומיע, נישט רעדן קיין וואָרט, נישט טוען קיין בליק, קיין שמייכל, קיין באַוועגונג.

— שיבקאָ גאָליטש", „פּרענדזע"! (שנעל גאָלן), דאָס איז דאָס אומאויפהערלעכע דערמאָנונגס-באַפעל פון פּאָליציאַנט.

ס'טרעפט אַפילע, ווען דער „פריזיר" וויל בעייסן גאָלן זיך פאַרשטענדיקן וועגן עפּעס מיט זיין „גאַסט", ער פּרובירט באַוועגן מיט די ליפּן און רעדט עפּעס אין דער שטיל.

דערזעט דאָס דער פּאָליציאַנט, פאַרדינט דער פריזיר אויפן אָרט אַ שטראָף „גימנאַסטיק". דאָס גאָלן ווערט איבערגעריסן און דער „פריזיר" מיטן גאָל מעסער אין דער האַנט פירט אויס אַ פּופּצן מאָל „פּאַלן"! „אויפשטיין"!

און דער „גאַסט" מיט אַ האַלב-אָפּגעגאָלט פּאָנים, וואַרט ביז זיין פריזיר וועט אָפּקומען די שטראָף.

אוועקזעצן זיך אין „פריזיר אַנשטאַלט" קען מען נור דעמאָלט, ווען... מ'איז שוין איינגעזייפט — ביז דעמאָלט מוזן אַלע שטיין אַפילע ווען ס'זענען פאַראַן ליידיקע ערטער אויף די בענק צום זיצן...

שאַבעס דעם 6-טן אָקטאָבער 1934 איז דעם שרייבער פון די שורעס אויסגעקומען זיך צו געפונען אין פריזיר אַנשטאַלט צוזאַמען מיט דעם יידישן געפאַנגענעם יאָסעפּסבערג. יאָסעפּסבערג האָט צו מיר גערעדט עטלעכע ווערטער. דאָס האָט באַמערקט דער וואַך פּאָליציאַנט. ער האָט יאָסעפּסבערגן אַרויסגערופן אויפן קאָרידאָר און אים מוירעדיק געשלאָגן. ווען יאָסעפּסבערג האָט זיך אומגעקערט אין „פריזיר קאַמער", האָבן זיך אים פון ווייטיק טרערן געקייקלט פון די אויגן. איך האָב צוליב דעם, וואָס יאָסעפּסבערג האָט צו מיר גערעדט, פאַרדינט... אַ באַזונדערע שטראָף, וואָס איז באַשטאַנען אַז אַנשטאָט ביים גאָלן צו „זיצן" אויפן באַנק, האָב איך געמוזט זיצן אויף דער ערד. — פאַרשטענדלעך, אַז צו זיצן אויף דער פּאָדלאָגע איז אויסגעקומען נישט בלויז מיר — נאָר אויף דעם פריזירער, וועלכער האָט מיך אָפּגעגאָלט.

אָפּטמאָל געשעט, אַז ווען מ'האַלט אינמיטן גאָלן אָדער שערן, דערהערט

זיך פּלוצלונג אַ פײַף. די געפאַנגענע װערן אַראָפּגעטריבן אויפן הויף, אויס-צופירן עפּעס אַן אַרבעט. דאָן מוז אויך לויפן דער „פריזיר" צוזאַמען מיט די איינגעזייפטע „געסט". טרעפט פיל מאָל, אַז אַ טייל געפאַנגענע, מיט האַלבע אָפּגעשוירענע קעפּ און מיט האַלבע געגאָלטע פּנימער, מיט אַ אויסזען פון אַ מעשוגענעם, מוזן וואַרטן ביזן קומענדיקן שאַבעס, ווען ס'וועט ווידער זיין טעטיק דער „ברעזער פריזיר-אַנשטאַלט"...

## „מעדיצינישע הילף"

אין אָנפאַנג איז אין ברעזע געווען אַ דאָקטאָר. זיין נאָמען האָט מען ניט געוווסט. מ'האָט אים גערופן לויט זיין ראַנגע — „דער מאַיאָר" (ער איז געווען אַ מיליטער-מאַן).

ער, דער דאָקטאָר, „מאַיאָר" פלעגט זיך וויצלען מיט די געפאַנגענע:

— בערעזע איז נישט קיין קאָנצענטראַציע-לאַגער — דאָ איז „קאַרלס-באַד", ווו פעטבייכיקע ווערן אָפּגעצערט...

קיין קראַנקע פעלן אין ברעזע קיינמאָל נישט אויס. די שווערע אַרבעט, דער הונגער, די שרעקלעכע היגיענישע באַדינגונגען און אַנדערע פּייניקונגען — מאַכן אַ גאַנצע איבערקערעניש אינעם אָרגאַניזם פון געפאַנגענעם — אַ פאַר-ענדערונג פון דער בלוט-צירקולאַציע, וואָס וואַרפט אַרויס אויף די לייבער אייטערדיקע געשווירן, אָפּגעשוואַכטקייט, רעוומאַטיזם, נערוון- און מאָגן-קראַנקייטן — אַ כויץ דעם — צוקאַלעטשעטע פיס און הענט פון די „טרעפּעס" און שווערע אַרבעטן.

ס'זענען געווען געפאַנגענע, וועלכע האָבן געהאַט אויף זייערע לייבער געשווירן לאַנגע כאַדאָשים.

דער פאַקטישער דאָקטאָר אין ברעזע איז געווען דער שוין-דערמאָנטער סאַדיסטישער פּאָליציאַנט מאַרקאָווסקי. איז אַ געפאַנגענער געוואָרן קראַנק, באַקומען טעמפּעראַטור, אָדער אַנדערע קראַנקייט, האָט מען אָן מאַרקאָווסקיס דערלויבעניש נישט געקענט אָנקומען צום דאָקטאָר-מעדיצין.

אין די פאַרטאָגן פלעגט מאַרקאָווסקי מיט אַ ציניש שמייכל אויסרופן:

— שטאַרבנדיקע, צו מיר!

דאָס האָט באַדייט, אַז קראַנקע זאָלן זיך פאַרשרייבן צום דאָקטאָר. אָבער ווי נאָר ס'האָבן זיך געמאָלדן עטלעכע קראַנקע געפאַנגענע צו מאַרקאָווסקין, איז ווען מען ס'האָט זיך אים פאַרגלוסט, האָט ער פאַרשריבן — און די רעשט האָט מאַרקאָווסקי אויפן אָרט „פעסטגעשטעלט" אַז זיי זענען „געזונט"...

יעדן מעכאַבער געווען מיט אַ גומי-שטעקן, באַגלייט מיט אַ געמיינעם אויסדרוק און אָוועקגעטריבן פון זיך.

די „גליקלעכע" פאַרשריבענע צו דעם „מעדיצינישן וויזיט" זענען אָנער-קענט געוואָרן פאַר קראַנקע, ווען מאַרקאָווסקי האָט דעם דאָקטאָר-מעדעצין דאָס דערלויבט...

דעם 7-טן דעצעמבער, 1934 איז דער דאָקטאָר מאַיאָר פּלוצלינג אָפּגע-שטאָרבן... אין לאַגער האָבן זיך פאַרשפּרייט קלאַנגען, אַז דער דאָקטאָר איז געשטאָרבן נישט מיט קיין נאַטירלעכן טויט... אַז צווישן דעם דאָקטאָר מיט דער אַדמיניסטראַציע זענען פאָרגעקומען רייבונגען. דעם עמעס פון די קלאַנגען איז נישט געלונגען פעסטצושטעלן.

נאָכן טויט האָט די פונקציע פון אַ דאָקטאָר-מעדעצין פאַרנומען אַ פּאָלי-

ציי-פשאַדאָוניק, אַ טונקעלער פּאַרשוין, וועלכער זאָל האָבן מיט 12 יאָר צוריק געענדיקט אַ פעלדשער-קורס... דער וועג, וואָס ס'האָט דעם דאָזיקן נעפּעש געפירט קיין בערעזע און אים באַשטימט אַלס דייע-זאָגער איבערן געזונט פון די געפאַנגענע, איז נישט צוליב זיינע מעדיצינישע קענטעניש, נאָר צוליב זיין דינען, ווי אַ דעפענסיווע-שפּיצעל (אַגענט), ווו ער האָט זיך אויסגעצייכנט מיט זיינע אַכזאָריעסדיקע פאַרפאָלגונגען קעגן די אוקראַאינישע און ווייסרוסישע באַפעלקערונג...

די געפאַנגענע האָבן צווישן זיך דעם דאָזיקן „דאָקטאָר" גערופן דער „קאָניאַזש" (פערד-דאָקטאָר). זיינע הייל-מיטלען זענען באַשטאַנען אין שמירן מיט „יאָדינע"; ווען דער געפאַנגענער אוקראַאינישער נאַציאָנאַליסט לאָהין, אַליין אַ סטודענט פון מעדיציניש פאַקולטעט האָט געהאַט שווערע קאָמפּליקאַציעס אויף אַן אויער, האָט דער „קאָניאַזש" אַנגעשמירט אַ האַלב פּנים מיט... יאָדינע. דעם פּראָלעטאַרישן געפאַנגענעם לישוק, האָט דער דאָזיקער „דאָקטאָר" שיר נישט בלינד געמאַכט. ער פלעגט אויך רייסן ציין מיט די הענט...

גאָר פלייסיק איז דער דאָקטאָר געווען טעטיק ביים צושטעלן די געפאַנגענע צום שטראָף-ראַפּאָרט „פאַר סימולירן קראַנקייטן". דאָס פלעגט ער אַליין נישט טון — נאָר געהייסן דעם קאָמענדאַנט פון בלאָק.

אין בערעזע איז אויך פאַראַן אַן „איזבאַ כאָריך" (קראַנקע-קאַמער) אָבער דאָרט קענען זיך נאָר געפינען קראַנקע מיט 40-39 גראַד טעמפּעראַטור, אָדער אַזעלכע וואָס קענען זיך שוין נישט רירן.

דער פּראָלעטאַרישער געפאַנגענער, דער שוין גרוי געוואָרענער מאַרטירער — טראָפים מאַריטשיק, וועלכער איז נאָך 9 יאָר אָפּזיצן אין טפיסע (פון לוצקער פּראָצעס) געווען 21 (איין און צוואַנציק) טאָג אויף דער פריי, אַרעסטירט געוואָרן און אַריינגעוואָרפן אין בערעזער געהענעם; ער, מאַרישטשיק, איז אויפגענומען געוואָרן אין קראַנקן-קאַמער ערשט דאַמאָלט, ווען ער איז עטלעכע מאָל געפאַלן אין כאַלאָשעס. ער האָט שוין נישט געקענט גיין אויף די פיס, נאָר געקראָכן „אויף אַלע פיר". יעראַכמיל בלאַנק, וואָס האָט באַקומען ביי דער אַרבעט און ביים לויפן „ביעגעם" נערוון-אַטאַקן, האָט מען אין קראַנקן-קאַמער נישט געוואָלט אויפנעמען.

אַפילו אין קראַקן-קאַמער פילט מען גוט בערעזע. די שווערסטע קראַנקע באַקומען דאָס זעלביקע שוואַרצע, ליימיקע ברויט מיט די וואַסערדיקע זופּ פון די צעפּוילטע קאַרטאָפל. ליגנדיק קראַנק איז מען אויך אַרומגעהילט פון טעראָר. מ'לאָזט נישט רעדן איין קראַנקן מיטן צווייטן. מ'טאָר נישט איבערפרעגן דעם דאָקטאָר וועגן דער קראַנקייט. אַז מ'האַלט שוין נאָענט צום טויט — און מ'וויל דאָך נישט מ'זאָל שטאַרבן אין לאַגער, קעדיי עס זאָל זיך נישט מאַכן קיין טומל אויף דער עפנטלעכקייט — ערשט דעמאָלט פירט מען אָפּ אין קאָברינער שפּיטאָל אַריין. אָבער אויך אין שפּיטאָל פילן די קראַנקע געפאַנגענע „בערעזע"... מ'איז אַרומגערינגלט מיט אַ שטאַרקע פּאָליציי-וואַך, מען געפינט זיך אין אַן איזאָלירט צימער, מ'פירט אַדורך ביים קראַנקן 2 מאָל אין טאָג רעוויזיעס...

אָט געפינען זיך אַ צען ליגנדיקע קראַנקע אין קראַנקן-קאַמער. דער אינספּעקטאָר האַלט, אַז ס'זענען מיט איין מאָל פאַראַן צו פיל קראַנקע. ווערן אויף צומאָרגנס גלייך „געזונט"... אַ 5 קראַנקע. מ'שרייבט זיי אויס פון קראַנקען-קאַמער און מ'טרייבט זיי אַרויס צו דער אַרבעט...

אָט שטעלן זיך אַ ריי געפאַנגענע צום ראַפּאָרט, און מעלדן, אַז זיי זענען קראַנק. אַ טייל פון זיי ווער באַשטימט צו לייכטערע אַרבעטן. אין עטלעכע טעג אַרום באַמערקט דער קאָמיסאַר סטאַניסלאַוו יאַנוש, אַז ס'זענען אַ צו גרויסע צאָל געפאַנגענע באַשעפטיקט ביי לייכטערע אַרבעטן. אויף צו מאָרגנס ווערן די שוואַכע — צוריק „נאָרמאַל-געזונטע" און אַרויסגעטריבן צו די ערגסטע און שווערסטע אַרבעטן. אַזאַ ענלעכער פאַל איז געשען מיט יעראַכמיל בלאַנק. דער פּאַליציאַנט וויטעשאַרעק האָט באַפוילן, אַז ער זאָל קראַנקערהייט וואַשן די פּאַדלאָגעס און דער איקער — שלעפּן וואַסער אין דעם שוין דער־מאָנטן „אינקוויזיציע-קעסל". בלאַנק האָט זיך אַנטקעגנגעשטעלט, געוואָרפן די אַרבעט, און פאַרלאַנגט מ'זאָל אים פירן צום אינספּעקטאָר. דער דאָזיקער פאַל האָט אין לאַגער געמאַכט אַ גרויסן רוישעם.

⁂

דעם 1-טן דעצעמבער 1934 איז אין לאַגער פאָרגעקומען אַ „מעדיציניש‏ע אונטערזוכונג". אַלע געפאַנגענע האָבן געוואַרט אין אַ פאָדער-צימער, אויפן שוועל פון דאָקטאָרס קאַבינעט איז געשטאַנען מאַרקאָווסקי מיטן גומי-שטעקן אין האַנט.

ביים אַריינלאָזן צום דאָקטאָר האָט מאַרקאָווסקי באַפוילן יעדן געפאַנגע־נעם:

— זאָלסט זאָגן, אַז דו ביזט געזונט!

דער דאָקטאָר האָט אינגאַנצן נישט באַטראַכט, נאָר פאַרשריבן „געזונט"...

איין געלעגנהייט האָבן די געפאַנגענע יאָ אויסגענוצט ביי דער „מעדיצי־נישער אונטערזוכונג".

דאָס פאָדער-צימער איז געווען גוט באַלויכטן, אויסגעטון האָלב נאַקעט איז מען געווען — האָט מען אָוועקגעהאַרגעט אַ שפּאָר ביסל לייז...

איינער, אַן אוקראַאינישער נאַציאָנאַליסט, פון פאַך אַן אינזשיניער, איז געשטאַנען אין דער ריי אַריינצוגיין צום דאָקטאָר, פאַרן שרייבער פון די שו־רעם. בעיים דער אינזשיניער האָט זיך שוין געפונען ביי דער טיר, האָט ער זיך געוואָלט שטעלן הינטער מיר, ווייל ער האָט נאָך געהאַט אַ ביסל לייז אויסצו־קוילענען — דער אינזשיניער האָט ביי מיר נישט אויסגעפירט — איך בין געבליבן דער לעצטער...

## בריוו.

„אַ בריוו פון דער היים" דאָס איז דער פאָדעם, וואָס פאַרבינדט דעם לע־בעדיק-באַגראָבענעם געפאַנגענעם אין בערעזע מיט דער אויסערלעכער וועלט. אָבער נישט אַזוי לייכט קומט אָן אַ געפאַנגענעם אין בערעזע צו שרייבן אַ בריוו.

אויף צו באַקומען אַ דערלויבעניש צו שרייבן אַ בריוו, מוז מען שטיין מיט אַ ביטע צום אינספּעקטאָר און נישט אַלע מאָל וויל דער פּאָליציאַנט פאַרשרייבן.

דער אינהאַלט פון די בריוו (בעסער געזאָגט: פּאָסט-קאַרטלעך) איז זייער אַ קליינער און אָרעמער. ס'איז דערלויבט צו שרייבן:

„איך בין געזונט. איך בעט מיר אַרויסשיקן די און די מאַלבושים".

קיין אַנדערע זאַכן טאָר מען נישט שרייבן. שרייבט מען יאָ, ווערן די קאַרטלעך נישט אָפּגעשיקט אַ היים.

דאָס זעלבע איז אויך מיט די בריוו, וואָס קומען צו די געפאַנגענע. זיי גייען אַדורך אַ שטרענגע צענזור. די מינדעסטע יעדיע ווערט נישט דורכגע-לאָזן און פאַרמעקט.

שלעכטע, טרויעריקע יעדיעס פון די פאַמיליעס, ווי לעמאָשל, „ס'איז ניטאָ אין דער היים קיין ברויט", „דער טאַטע און די מאַמע זענען קראַנק געוואָרן פון צאָרעס, וואָס מ'האָט זייער זון גענומען געפאַנגען קיין בערעזע".

„דאָס קינד אָדער די פרוי איז קראַנק", אָדער גאָר אַז ס'איז ווער פון דער פאַמיליע געשטאָרבן"... אַזעלכע יעדיעס לאָזט די צענזור פון לאַגער אַדורך. זאָל דער געפאַנגענער אַ כּוח דעם באַרבאַריזם פון קאָנצענטראַציע-לאַגער, האָבן פּיין פון זיינע ליבסטע און נאָענטסטע.

דאָס שרייבן די בריוו קומט פאָר נאָר זונטיק. אָבער אויך ביים שרייבן איז איינגעפירט דער „בערעזער טעמפּאָ". געציילטע מינוטן ווערן געגעבן אויף אָנצושרייבן אַ בריוו. אויך דאָ יאָגט מען און מען טרייבט.

רירנד איז דאָס לייענען די דערהאַלטענע בריוו פון דער פריי. אַלע געפאַנגענע, וועלכע דערהאַלטן בריוו, ווערן אַראָפּגעטריבן אין קאַנצעלאַריע (אַלץ „ביעגעם") ווו אונטער דער אויפזיכט פון אַ קאָמיסאַר און פּאָליציי, ווערן געלייענט די בריוו. ווען אַ געפאַנגענער לייענט אַ בריוו, עסט ער זיך איין מיט די אויגן אין דער פאַר אים ליבער, באַקאַנטער האַנטשריפט פון זיינע נאָענטע. מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם לייענט ער יעדעס וואָרט און וויל דערביי עפּעס אַרויסלייענען פון צווישן די שורעס... נאָכן איבערלייענען מוזן די בריוו צוריקגעגעבן ווערן דעם קאָמיסאַר. און אַלע געפאַנגענע, מיט פאַר-טראַכטע פּנימער, ווערן ווידער אַמאָל „ביעגעם" צוריק אַרויפגעטריבן אין זייערע קאַמערן אַריין.

בעיים דעם צוריקלויף כאַפּט מען צווישן זיך אַ „געשפּרעך":

— וואָס שרייבט מען דיר?

— מ'שיקט מיר אַ פּאָר שטיוול און... קושן.

— און דיר וואָס שרייבט מען?

— מ'פרעגט מיך צו איך דאַרף וועש. און מ'שיקט מיר אַ סאַך, אַ סאַך קושן...

—מיר האָט דער קאָמיסאַר דעם בריוו נישט געגעבן אין האַנט — נאָר פאַרגעלייענט. דאָס איבערלייענען איז געווען אַזוי שנעל, אַז כ'ווייס אפילו נישט וואָס מ'שרייבט מיר...

— און מיר האָט דער קאָמיסאַר בלויז געוויזן אַז כ'האָב אַ בריוו און אינגאַנצן נישט איבערגעלייענט...

***

אַ כּוח שלאָגן, קאַרצער און אַרעסט, ווערט מען אין בערעזע אויך באַ-שטראָפט מיט צונעמען די רעכט צו שרייבן אַ בריוו, אויף אַ געוויסע און אויך אויף דער גאַנצער צייט. דאָס איז אַ שרעקלעכע שטראָף. טייל געפאַנגענע ווינטשן זיך בעסער קאַרצער, איידער ס'זאָל זיי צוגענומען ווערן די רעכט צו שרייבן אַ בריוו צו זייערע פאַמיליעס. צענדליקער געפאַנגענע, אַממערסטן קאָמוניסטן, איז אין בערעזע צוגענומען געוואָרן די מעגלעכקייטן צו פאַר-שטענדיקן זיך מיט זייערע פאַמיליעס.

וואָך-איין, וואָך-אויס פּלעגן די באַשטראָפטע דערהאַלטן בריוו פון זייערע עלטערן, ברידער און פרויען (דערהאַלטן בריוו קענען זיי יאָ):

טייערע זון, פֿאָטער, ברודער, געליבטער,
„אונזערע אויגן זענען שטענדיק פֿייכט פֿון טרערן".
„מיר טראַכטן שטענדיק פֿון דיר"!
„צו לעבסטו, טייערער?"
פֿאַרוואָס שרייבסטו נישט?"
אָבער ענטפֿערן זיינע ליבסטע, זיינע נאָענטסטע, האָט דער געפֿאַנגענער נישט געקענט. ווייל ווזעף קאמאלא האָט פֿאַרבאָטן...

## „מוכאַ"

צווישן דעם ספּעציעל-אויסגעשולטן פּאָליציי-אַפּאַראַט פֿאַרן קאָנצענטראַציע-לאַגער האָט זיך אויך געפֿונען דער שוין-דערמאָנטער פּאָליציאַנט פּאַסאַוו-סקי. ער, פּאַסאָווסקי, האָט אין ברעזע ניט באַדאַרפֿט באַליינגן קיין „עקזאַמען". פֿון פּייניקן און טריישאַפֿט צום פֿאַשיסטישן רעזשים. ער האָט שוין אויפֿן געביט פֿון סאַדיזם אַ גאַנץ רייכע פּראַקטיק, וואָס שטאַמט פֿון וואַרשעווער „פּאַוויאַק", ווו ער, פּאַסאָווסקי, האָט געדינט אַלס וועכטער און אויסגעצייכנט זיך מיט קאַטעווען און פּייניקן די פּאָליטישע אַרעסטירטע...

אים האָט מען דאָס ספּעציעל געבראַכט קיין ברעזע ווי אַ מענטש מיט אַ רייכע פּראַקטיק פֿון טעראָר קעגן רעוואָלוציאָנערע מאַרטירער.

אין ברעזע איז די באַליבטסטע פּייניקונג פֿון דעם דאָזיקן פּאַסאָווסקי געווען דעמאָלט, ווען די געפֿאַנגענע פֿלעגן לויפֿן דורכן לאַנגן קאַזאַרמע-קאָרי-דאָר אין זייערע קאַמערן אַריין, האָט ער זיך אַרויפֿגעשטעלט אויף אַ באַנק און... געשלאָגן מיטן פּאָליצייאישן גומי-שטעקן איבער די קעפּ פֿון די געטריבענע געפֿאַנגענע.

די געפֿאַנגענע פֿלעגן צווישן זיך רופֿן דעם דאָזיקן פּאָליציאַנט „מוכאַ", ווייל אַ כּוח שלאָגן, האָט ער געהאַט ליב צו באַפֿעלן די געפֿאַנגענע:

— אין די קאַמערן מוז זיין אַזוי שטיל,

אַז מ'זאָל דערהערן דאָס באַוועגן זיך פֿון אַ פֿליג... (אַ פֿליג אויף פּויליש הייסט מוכאַ).

די דערמאָנטע „נידריקע פֿליג", וועלכער פֿלעגט פֿאַרפּייניקן די געפֿאַנגענע אַפֿילע פֿאַר אַזעלכע קלייניקייטן, ווי פֿאַר נישט דייטלעך אַרויסזאָגן אַ נאָמען, אָדער פֿאַר ניט גענוי אָנרופֿן אַ זאַך; ער האָט בעיים זיינע פּרימאָרגן ראַפּאָר-טען פֿאַרן אינספּעקטאָר גרעפּנער, ווען ער האָט געדאַרפֿט מעלדן וויפֿיל געפֿאַנ-גענע ס'געפֿינען זיך אין קאַרצער, קיינמאָל נישט געקענט אַרויסזאָגן דאָס וואָרט „קאַרצער". אָנשטאָט „קאַרצער" פֿלעגט ער זאָגן „קאַרץ". גרעפּנער איז דערביי געווען אין קאַעס און האָט זיך אויף אים געבייזערט — די געפֿאַנגענע האָבן אין אַזעלכע מאָמענטן איבערגעלעבט אַ געפֿיל פֿון פֿריידיקער נעקאָמע...

## פּוילן „לייזט" די אוקראַאינישע פֿראַגע

די פֿאַרשטייער פֿון דער פּוילישער פֿאַשיסטישער רעגירונג האַלטן אין איין רימען, סיי אויפֿן אינטערנאַציאָנאַלן פֿאָרום, סיי אין דער פּרעסע, וואָס איז באַשטימט פֿאַר אויסלאַנד, וועגן דער טאָלעראַנטער, מאַמעש „ברידערלע-

בער" באַציִונג פון דער רעגירונג צו די פּאָליטישע און קולטורעלע באַדערפנישן פון די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן אין פּוילן און ספּעציעל צו די אוקראַינער...

אָבער ווי אַזוי ס'קומט פאַר דאָס „ברידערלעכע" לעזן די נאַציאָנאַל אוק־ראַינישע פראַגע אין... בערעזע, ווערט באַזונדערס אויסבאַהאַלטן פאַר דער אויסערלעכער וועלט...

אין אָנפאַנג האָבן די אוקראַינישע נאַציאָנאַליסטן גערעדט צווישן זיך אין בערעזע אוקראַיניש — און נישט בלויז צווישן זיך — זיי האָבן אַפילע גערעדט־פּערט דער פּאָליציי אין דער אוקראַינישער שפּראַך.

ביים ענטפערן דער פּאָליציי אין דער אוקראַינישער שפּראַך, האָבן די פּאָליציאַנטן געקאַטעוועט די אוקראַינער מיטן גומי שטעקן און געקאָפּעט מיט די שטיוול.

דעם ערשטן זונטיק אין לאַגער איז פאָרגעקומען אַזאַ פאַל: ווען מ'האָט אַריינגעטריבן די געפאַנגענע אין די קאַמערן אַריין, האָט דער אוקראַינישער נאַציאָנאַליסט קלים פאַוועל, אַ סטודענט פון לעמבערג, גערעדט אוקראַיניש. דאָס האָט באַמערקט מאַרקאָווסקי. ער איז אין קאָרידאָר איבערגעפאַלן דעם דערמאָנטן נאַציאָנאַליסט, אים מוירעדיק געשלאָגן. קלים האָט פאַרלוירן דאָס באַוווסטזיין, מ'האָט אים אַ האַלב טויטן אַריינגעשלעפּט אין קאַמער, אַרויפ־געלייגט אויפן שטרוי־זאַק; אַ כוץ לייגן קאַלטע, נאַסע שמאַטעס צום קאָפּ, זענען קיין אַנדערע רעפועס נישט געווען... מאַרקאָווסקי איז אַריין אין קאַ־מער און זיך געוואָנדן צום צושלאָגענעם קלים מיט פּאָלגנדיקע ווערטער:

— מיר וועלן אייך, אוקראַינישע סטודענטן, ווייזן אַ רעדן אוקראַיניש! פאַר יעדן איינעם וואָרט אוקראַיניש, וועט איר באַקומען צו 3 גומי־פּאַלקעס... און דו, קלים, וועסט פון דאַנען נישט אַרויס קיין לעבעדיקער. דו פייגערסט (שטאַרבסט) דאָך שוין... אַלס טרומנע האָב איך פאַר דיין שמוציקן קערפּער שוין אָנגעגרייט דעם קאַסטן פון מיסט, וואָס געפינט זיך אין קיך...

בעיס די „זביורקעס", ווען אַלע געפאַנגענע ווערן אויסגעשטעלט אין אַ לאַנגער רייע, און ס'פלעגט קומען דער באַפעל „אָדליטש"! (אָפּציילן), האָבן די אוקראַינישע נאַציאָנאַליסטן אָפּגעציילט אין דער אוקראַינישער שפּראַך.

איינמאָל האָט זיך דער 8־טער אין דער ריי געפונען דער אוקראַינישער נאַציאָנאַליסט מעהאַוויטש, אַ קאָאָפּעראַטיווער טוער. ער האָט ביים אָפּציילן געענטפערט אויף אוקראַיניש „וויסעם" (אַנשטאָט „אָשעם" (8) אויף פּויליש).

אין דער אָנוועזנהייט פון אינספּעקטאָר גרעבנער, האָט מאַרקאָווסקי אַ־רויסגעשלעפּט פון דער רייע דעם דערמאָנטן מעהאַוויטש און אים געשלאָגן אַכט מאָל מיטן גומי־שטעקן. ביי יעדן קלאַפּ מיטן גומי־שטעקן איבער מעהאַ־וויטשעס פּלייצעס האָט מאַרקאָווסקי הויך אויפן קאָל גערעכנט אויף אוקראַי־ניש:

— „ראַז", „דוואַ", „טרי", „טשטירי", „פּיאַט"... „וויסעם"... און געזאָגט צו מעהאַוויטשן:

— נו, אַט האָסטו 8 גומי־שטעקנס פאַרן אָפּציילן „וויסעם"... און איצטער „נאַציאָנאַלער מאַרטירער", וועסטו נאָכאַמאָל רעדן "אוקראַיניש? ענטפער! הינטיש בלוט!

— מיר וועלן אייך ווייזן, קאַנאַליעס, אַ רעדן אוקראַיניש!

אונטער דעם שאַרפן טעראָר האָבן זיך די נאַציאָנאַליסטן געבראָכן. זיי זענען יעדן זונטיק געגאַנגען טפילע טוען אין אַ רוימיש־קאַטוילישן קאָשטשיאָל, אין דער צייט, ווען זיי געהערן צום גריכיש־קאַטוילישן גלויבן; — אַ טייל פון זיי זענען געוואָרן אונטערלעקער, אונטערכאַפּענער און שפּיצלעס ביי דער

אדמיניסטראַציע אין קאַמף קעגן די קאָמוניסטישע און אַנטיפאַשיסטישע גע-פאַנגענע.

די אוקראַאינישע נאַציאָנאַליסטן הארבאָוו, פעלענסקי, העריצי, האשאָוו-סקי, ביהון און אַנדערע האָבן זיך געוואָרפן שלאָגן אויף די פּראָלעטאַרישע געפאַנגענע: יערימענטשיק, כאַראַפּקא, בלאָנק, סקראַבעק, קאַפּטור און ליוב-טשאַנסקי. זיי האָבן געפירט אַ בויקאָט קעגן די פּראָלעט. געפאַנגענע, פאַר-זאָגט זייערע געפאַנגענע נישט צו רעדן מיט די קאָמוניסטן און ווער פון זייע-רע ס'האָט זיך דעם בויקאָט נישט אונטערגעוואָרפן, האָבן זיי געדרוידעפּט ווי ס'איז געשען מיטן נאַציאָנאַליסט סערוועטניק.

די אוקראַאינישע נאַציאָנאַליסטן טיושקא, פּילינסקי, באַראַבאַש, זענען געווען די „באַליבסטע קינדער" ביי דער אַדמיניסטראַציע. זיי האָט מען נישט גענוצט צו קיין שווערע אַרבעט און זעלטן זיי באַשטראָפט.

צוויי אוקראַאינישע נאַציאָנאַליסטן, אינזשיניערן, מילאַניטש און קראַוו-טשיק, זענען געוואָרן אָנפירער פון דער אַרבעט, האָבן אויסגעאַרבעט פּלענער פון בויען וועגן, קאַנאַלן, געדרוידעפּט די פּראָלעטאַרישע געפאַנגענע און זיי גע-געבן די שווערסטע, ערגסטע און שמוציקסטע אַרבעטן.

דער זעלבער מילאַניטש, אַ פירער פון די או. אַ. נ. אין לעמבערג, אַ זין פון אַן אוקראַאינישן גאַלעך, איז באַפרייט געוואָרן פון בערעזע אויפן סמך וואָס ער האָט אונטערגעשריבן אַן אונטערטעניק-לאָיאַליטעט-דעקלאַראַציע צו דער פּוילישער רעגירונג...

אַ רעדאַקטאָר פון אַן „אונדא"-צייטונג אין לוצק, סערגיוש ווישניעווסקי, האָט נאָך 6 וואָכן זיין אין בערעזע זיך געוואָנדן צו קאַסטעק ביערנאַצקין מיט אַ באַקאָשע, ער זאָל אים דערלויבן... אונטערצושרייבן אַ לאָיאַליטעט-דעקלאַ-ראַציע. ער איז טאַקע אויפן סמך פון אַ דעקלאַראַציע באַפרייט געוואָרן פון בערעזע...

מיט אַ צייט שפּעטער, ווען דער אינספּעקטאָר יוזעף קאַמאַלאַ האָט פאַר-באָטן די אוקראַאינער צו באַנוצן די אוקראַאינישע שפּראַך אַפילו אין אַזעלכע פאַלן, ווי איבערפרעגן איין אוקראַאינער דעם צווייטן וועגן אַרבעטס-אינייאָנים, האָבן די „נאַציאָנאַלע קעמפער" קאַפּיטולירט און צווישן זיך גערעדט אין פּויליש. ס'איז דערביי ווערט צו דערמאָנען, אַז נור אוקראַאינישע קאָמוניסטן און אַנטיפאַשיסטן, האָבן זיך די נייע געזיירע נישט אונטערגעוואָרפן.

יוזעף קאַמאַלאַ, וועלכער האַלט זיך פאַר אַ פּאָליצייאישן „ספּעץ" אין דער אוקראַאינישער פראַגע, פלעגט האַלטן אַזאַ רעדע פאַר די אוקראַאינישע גע-פאַנגענע:

— דאָ איז נישט קיין האָטעל, וווּ יעדער קען זיך טון וואָס אים גע-פעלט! דאָ איז בערעזע! איך וועל אייך אַרויסשלאָגן אייער העלדנמוט! איך האָב אַ מיטל צו לייזן די אוקראַאינישע פראַגע! מיין רעצעפּט ווירקט גוט! דאָ איז פאַראַן „קאַרצער"!

## די פּוילישע נאַציאָנאַליסטן אין בערעזע

פאַר דער עפנטלעכקייט, האָט עס געהייסן, אַז דער האַרטער און שטרענ-גער רעזשים אין בערעזע ווערט אָנגעוואָנדן צו אַלע געפאַנגענע גלייך, אָן אונטערשייד, צו דער געפאַנגענער איז קאָמוניסט, אַן אוקראַאינישער אָדער

פּוילישער נאַציאָנאַליסט. אין דער ווירקלעכקייט, שטעלט זיך די לאַגע אַנדערש פאַר:

זאָלן רעדן פאַקטן:

די הויפּט אָנפירער פון די פּוילישע נאַציאָנאַליסטן (נארא) ראָסמאַן, פּיאַסעצקי, יודזעוויטש, קאַריצקי, נאָוויצקי, קאַנזליק, בודניאַק, האַצקעוויטש, דימאָווסקי, פּרושינסקי, שנאַרבאַכאָווסקי, דזשאַרמאַגאַ און אַנדערע, וועלכע זענען אַרעסטירט געוואָרן אין די כאַדאָשים יוני-יולי 1934, זענען נאָך 2-3 מאָנאַטן זיך געפונען אין בערעזע באַפרייט געוואָרן.

אין דער צייט, וואָס די דערמאָנטע „עליטע" האָבן זיך געפונען אין בע-רעזע, האָט מען זיי געצערטלט ווי קינדער. מ'האָט זיי צו קיין שווערע אַרבעטן נישט גענוצט. אין יעדן קאַמער איז באַשטימט געוואָרן אַ פּוילישער נאַציאָ-נאַליסט אַלס „דיזשורנע". די אַדמיניסטראַציע האָט צו זיי גערעדט דעלי-קאַט...

דער אינספּעקטאָר גרעפּנער האָט די פּוילישע נאַציאָנאַליסטן אַריינגע-זעצט אין קיך; דאָרט האָבן זיי געשמאַק געגעסן און געגאַנוועט שמאַלץ און צוקער.

ווען זייערע „שיינע מייסים" זענען דערגאַנגען צו אַלע געפאַנגענע — ערשט דעמאָלט זענען אין דער קיך צוגעלאָזן געוואָרן אוקראַינישע נאַציאָנאַ-ליסטן און איינצלנע פּראָלעטאַרישע געפאַנגענע.

גרעפּנער האָט אויסגעדריקט זיין באַדויערן פאַר נעמען געפאַנגען קיין בערעזע דעם יינגן נאַראַוויעץ שנאַרבאַכאָווסקי, סטודענט פון וואַרשעווער אוני-ווערזיטעט, רעדאַקטאָר פון דער נאַרא-יוגנט-צייטונג, און דערביי צוגעגעבן, אַז ווען ער (גרעפּנער) זאָל קענען דעציזירן, וואָלט ער אים (שנאַרבאַכאָווסקין) באַפרייט פון בערעזע...

דער פּויזנער „נאַראַוויעץ" בודניאַק און דער וואַרשעווער פּרושינסקי, זענען יעדע עטלעכע טעג גערופן געוואָרן אין קאַנצעלאַריע. גרעפּנער פלעגט זיי בעטן זיצן, מעכאַבעד זיין מיט ציגאַרן, פּאַטערלעך מיט זיי זיך אַדורכ-שמועסן און פון זיי אָפּנעמען באַריכטן, וועגן די אויפפירונג פון די געפאַנגענע אין לאַגער.

גרעפּנער פלעגט אויך פון צייט צו צייט אויפן הויף פון לאַגער צו זיך רופן פּראָלעטאַרישע געפאַנגענע: מאַרישטשיקן, זאַלאַטאָוון, יאַבלאָנסקין און קאַפּטורן; אָבער זיינע געשפּרעכן מיט זיי האָבן געטראָגן גאָר אַן אַנדערן כאַ-ראַקטער. מאַרישטשיקן, וועלכער איז נאָך פאַר בערעזע געזעסן 9 יאָר אין טפיסע, האָט גרעפּנער געפרעגט:

— צי איז דער אַרעסטירטער מאַרישטשיק געזיצן 9 יאָר אין טפיסע?

— יאָ! — האָט מאַרישטשיק געענטפערט.

— און דער אַרעסטירטער מאַרישטשיק לעבט?

— איך לעב און וועל לעבן!

— צי איז בערעזע ערגער ווי טפיסע? — האָט גרעפּנער געפרעגט.

— געוויס! בערעזע איז פיל ערגער ווי טפיסע! — האָט מאַרישטשיק געענטפערט.

דערויף האָט גרעפּנער צוגעגעבן:

— ס'וועט זיין נאָך ערגער! פיל ערגער! 3 כאַדאָשים בערעזע וועט האָבן די זעלבע באַדייטונג ווי 6 יאָר טפיסע. די מעלוכע האָט נישט קיין צייט זיך צו שפּילן מיט אַזעלכע פאַרברעכער ווי איר!

צו שמיל קאפטורן האט זיך איינמאל גרעפנער געוואנדן מיט פאלגנדיקע פראגע:

— זאל מיר דער ארעסטירטער קאפטור זאגן, פון וואס ווערט א געפאנגענער אין בערעזע אמייסטן געפייניקט?

— צווישן אלע אנדערע יעסורים אין בערעזע ווערט א געפאנגענער שטארק געפייניקט מיטן הונגער — האט קאפטור געענטפערט.

דערויף האט גרעפנער געזאגט, מיט א שמייכל:

— אזוי! מ'הונגערט! נו, וואס מיינסטו, קאפטור, אז בערעזע איז א פענסיאנאט?

דער ווארשעווער נאראוויעץ אמייער, א סטודענט פון אוניווערזיטעט, איז אין בערעזע געווען סאך-האקל 2 וואכן צייט.

די לאדזשער „נאראווצעס" לעוואנדאווסקי און צישלינסקי האבן אין גאנצען נישט געפילט בערעזע. לעוואנדאווסקי האט א לאנגע צייט צוגעהאלפן מארקאווסקין אויסרופן די נעמען פון די געפאנגענע און צישלינסקי האט געשיילט קארטאפל און איז קיין איין מאל נישט באשטראפט געווארן.

דער בעלעמער נאראוויעץ פאבאלטשיק, האט זיך אויפגעפירט ווי אן אפענער פראוואקאטאר און שפיצל. ער האט איינמאל פארמאסערט פאר דער פאליציי, אז נאכן „אפעל" (ווען מ'האט זיך געלייגט שלאפן), האבן די געפאנגענע געפירט געשפרעכן און צוליב דעם האבן די רעשט געפאנגענע פון דעמזעלבן קאמער, א צאל פון קנאפע 30 פערזאן, געליטן לאנגע טעג קארצער.

דער זעלבער פארשווין פאבאלטשיק, פלעגט צוהעלפן מארקאווסקין צו טרייבן די געפאנגענע, ער פלעגט דערביי שרייען:

— „ביעגעם"! — און אנווייזן ווער ס'איז נישט „גוט געלאפן".

דער ענדעקישער אפטייקער פון וואדאוויז, יאקוב באנאש, האט צוגעגאנוועט ביי יעראבמיל בלאנקן א פאר שקארפעטן און ווען בלאנק האט אים געכאפט ביי דער האנט, איז באנאש אוועק צו מארקאווסקין און פארמאסערט, אז בלאנק באזיצט שקארפעטן וואס שטאמען פון דעם באפרייטן פראלעטארישן געפאנגענעם בוימקאלער; בלאנק האט צוליב דער מעסירע באקומען פון מארקאווסקין שטארק געשלאגן.

דער פירער פון דער ענדעקישער יוגנט אין לאדזש, שעמיאשקא נאפאלעאן, וועלכער האט זיך געפונען אין בערעזע 10 וואכן, האט אפן פאר אלעמען ארגאניזירט די אוקראינישע נאציאנאליסטן, אז זיי זאלן געמיינזאם מיט די פוילישע נאציאנאליסטן באקעמפן די קאמוניסטן און די יידן. דאס זעלבע האט אויך געטון דער „נאראוויעץ" קאבילאזש מאריאן פון סקערניעוויץ.

דער ברייטבייניקער פויזנער ענדעק מישאק, איז באלד פון ערשטן טאג פון זיין קומען קיין בערעזע, אנערקענט דורכן „דאקטער" אלס א „שוואכער" און מ'האט באשטימט, אז די גאנצע צייט, וואס ער וועט זיך געפונען אין בערעזע, זאל ער שיילן קארטאפל.

איינמאל איז אין א צימער פון דער פאליציי-געביידע קאליע געווארן די עלעקטרישע באלייכטונג, מ'האט געדארפט עפעס פאריכטן. א פאליציאנט איז אוועק אין „ארעסטאנטן-בלאק" און זיך דערוווסט, אז דער דערמאנטער מישאק קען אומגיין ביי עלעקטרישע אינסטאלאציעס. דער פאליציאנט האט זיך געוואנדן צום קאמענדאנט פון „ארעסטאנטן-בלאק" וויטשינסקי, אז ער זאל אים ארויסגעבן דעם דערמאנטן געפאנגענעם צו דער ארבעט. דער קאמענדאנט האט זיך דערביי אויסגעדריקט מיט די ווערטער:

— איך קען דעם אַרעסטאַנט מישאַק נישט צווינגען צו דער אַרבעט — אויב ער אַליין וויל גיין פּאַריכטן עלעקטרי, טאָ ביטע...

אין אַ אויסנאַמלעכער לאַגע פון אַלע פּוילישע נאַציאָנאַליסטן אין בערעזע, האָט זיך געפונען דער ענדעק קאָטאַשינסקי. ער, קאָטאַשינסקי, איז אַ מענטש פון קנאַפּע 60 יאָר, אַ שוסטער-אַרבעטער פון לאָדזש. דאָס ערשטע מאָל איז ער געווען אין בערעזע 2 כאַדאָשים, ער איז אָבער געבראַכט געוואָרן אַ צווייט מאָל קיין בערעזע, ווו ער איז באַפרייט געוואָרן נאָך 5 כאַדאָשים זיין געפאַנגען. דאָס צווייטע מאָל איז דער אַלטער שטאַרק געפּייניקט געוואָרן. מ'האָט אים איינגעזעצט אָן אַ טערמין אין קאַרצער, מ'האָט אים געגעבן שווערע אַרבעט. דער סאַדיסט מאַרקאָווסקי האָט אים מוירעדיק געפּייניקט און פון אים געכויזעקט. קיין אַנדערער נאָמען ווי „קוטאַס" האָט מאַרקאָווסקי דעם אַלטן קאָטאַשינסקי נישט גערופן.

די סיבע וואָס מ'האָט קאָטאַשינסקין 2 מאָל אַריינגעוואָרפן קיין בערעזע און אים אַזוי שטאַרק געפּייניקט איז נישט צוליב זיין נאַציאָנאַלער אידעע, ווי פאַר זיין סאָציאַלער אידעאָלאָגיע.

קאָטאַשינסקי איז אַן אַלטער פּראָלעטאַריער, געווען פאַרשיקט ביים צאַריזם אויף סיביר. ער איז אויף דער עלטער געוואָרן אַן אַנטיסעמיט און דערזען אין ענדעקישן פּראָגראַם די „לייזונג" פון דער סאָציאַלער פראַגע...

ווען קאָטאַשינסקי איז דאָס ערשטע מאָל באַפרייט געוואָרן פון בערעזע, האָט ער געהאַלטן אין לאַנד אַ רייע רעפעראַטן אונטערן נאָמען „פון צאַרישן סיביר ביז דער פּוילישער קאַטאָרגע קאַרטוז בערעזע". ווו ער איז שטאַרק אַרויסגעטרעטן קעגן דער רעגירונג און באַקעמפט בערעזע...

קאָטאַשינסקי איז צוליב דעם געוואָרן געפערלעך פאַר דער רעגירונג, פאַר זיין העצן קעגן דער פּאָליטישער און סאָציאַלער אָרדנונג... דאָס איז טאַקע געווען די סיבע פון צווייטן מאָל אים נעמען געפאַנגען קיין בערעזע.

מ'האָט אים אַזוי לאַנג געפּייניקט ביז דער אַלטער — אַ פאַרנאַרטער אַרבעטער, שוין קימאַט אַן אויווער באָטל, האָט זיך גייסטיק צוזאַמענגעבראָכן, ערשט דעמאָלט האָט מען אים באַפרייט פון קאָנצענטראַציע לאַגער. צו שרייבן, אַז קאָטאַשינסקי איז געפּייניקט געוואָרן בלויז אַלס פּוילישער נאַציאָנאַליסט, וואָלט געווען נישט ריכטיק. ער איז געפּייניקט געוואָרן הויפּטזעכלעך צוליב זיין סאָציאַלער אידעאָלאָגיע, וועלכע איז געגאַנגען פיל ווייטער פונם קליקן-קאַמף אין פאַשיסטישן לאַגער גופע און איז געווען געווענדעט קעגן דער סאָציאַלער אָרדנונג אין פּוילן.

# דער אינטערנאַציאָנאַלער ברידערלעכער בונד אין קאַרטוז־בערעזע

באַזונדערס שווער איז אין בערעזע די לאַגע פון די יידישע קאָמוניסטן. ביי אַ סיטואַציע פון אומאויפהערלעכע פּאָגראָמען איז פּוילן, ביי אַרויסרייסן דאָס שטיקל ברויט פון דער יידישער באַפעלקערונג, ביי אַזאַ ברייטע אַגיטאַציע פון ערגסטן זאָאָלאָגישן אַנטיסעמיטיזם און ראַסן-האַס, ביי אַ לאַגע, וואָס אַ מענטש מיט אַ סעמיטישן אויסזען, וועלכער געפינט זיך נישט אין בערעזע, נאָר אויף דער „פריי", איז נישט זיכער אין פּוילן אַרויסצוגיין אויף דער גאַס

אז ער זאָל זיך אומקערן אהיים מיט גאַנצע ביינער; אין דער צייט ווען אַנ-
טיסעמיטיזם איז איינע פון די וויכטיקסטע פּראָגראַם-פּונקטן פון דער פּויל-
שער רעגירונג, אין קאַמף מיט דער וואָס אַמאָל אַלץ וואַקסנדיקער רעוואָלו-
ציאָנערער באַוועגונג, איז דאָך זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז אין בערעזע, ווו
אַ כוח דער אַדמיניסטראַציע זענען די קאָמוניסטן אַרומגערינגלט מיט אוקראַי-
נישע און פּוילישע נאַציאָנאַליסטן, וואָס אַ טייל פון זיי זענען, אַ כוח געפאַנ-
גענע, אויך שפּיצלעס, צו הילף דער אַדמיניסטראַציע אין קאַמף קעגן די קאָ-
מוניסטן ביקלאַל איז די לאַגע פון די יידישע קאָמוניסטן אַ ספּעציעל-שווערע.
נוצט מען טאַקע די יידישע קאָמוניסטן צו די שווערסטע און ערגסטע
אַרבעטן. מ'האָט זיי מוירעדיק געשלאָגן און געפּייניקט. זיי זענען די לענגסטע
און אָפּטסטע איינוווינער פון קאַרצער און אַרעסט. די יידן האָבן אויסצושטיין
די ערגסטע באַליידיקונגען. אפילע אין דער קליינער צייט ווען דעם געפאַנגע-
נעם אין בערעזע קומט אויס צו רוען, ווערן די יידן אויך אַרויסגעשלעפּט און
געטריבן צו די ערגסטע און מיעסטע אַרבעטן.

איבערצוטראָגן די טאָפּלטע ליידן פון די יידישע קאָמוניסטן אין בערעזע,
גיט קויעך און מוט דער דערפרייענדיקער פאַקט, וואָס דריקט זיך אויס אין
דעם פעסטן אינטערנאַציאָנאַליזם און אומצעררייסבאַרן ברידערלעכן בונד, וועל-
כער הערשט צווישן די יידישע, פּוילישע, אוקראַאינישע און ווייסרוסישע געפאַנ-
גענע קאָמוניסטן און אַנטיפאַשיסטן אין בערעזע.

אין יעדער קאַמער זענען, צווישן עטלעכע צוואַנציק נאַציאָנאַליסטן (אי-
בערהויפּט אוקראַאינישע) פאַראַן 8-6 קאָמוניסטן, וועלכע באַשטייען פון פּאָ-
לאַקן, אוקראַאינער, יידן און ווייסרוסן. דער אוקראַאינישער און פּוילישער קאָמו-
ניסט האָט קיין שום געמיינזאַמעס נישט מיט „זיינע" פּאָלאַקן און אוקראַאינער
פון נאַציאָנאַליסטישן לאַגער. שטאַרק געמיינזאַמעס פאַרבינדט אים מיט די
רעשט קאָמוניסטן פון זיין קאַמער, וועלכע געהערן צו פאַרשיידענע פעלקער.

ס'זענען פאַראַן אַזעלכע קאַמערן, ווו די קאָמוניסטן באַשטייען נאָר פון
אוקראַאינער און יידן. די יידן קענען נישט רעדן קיין אוקראַאיניש. און די או-
קראַאינער רעדן אַ שלעכטן פּויליש. דאָס שטערט אָבער נישט די געמיינזאַמע
פאַרשטענדיקונג, דאָס ברידערלעכע פאַרהאַלטן זיך, דאָס העלפן איינער דעם
צווייטן. ווי נאָר מ'געפינט אַ פרייע מינוט און מ'נוצט אויס, וואָס דאָס אויג
פון פּאָליציאַנט איז אויף איין מינוט פאַרשוווּנדן, נעמען זיך גלייך צוזאַמען
די עטלעכע קאָמוניסטן, מ'פאַרברענגט צוזאַמען. איז פאַרבאָטן צו רעדן, מאַכט
איינער דעם צווייטן לייכטער דאָס לעבן מיט אַ שמייכל, מיט אַ בליק, מיט
אַ באַוועגונג מיט דער האַנט.

רירנד זענען די בילדער, ווען אַ כאַווער דאַרף אַוועק אין קאַרצער. דאַן
שטעלן זיך אַרום אים די קאָמוניסטן, וועלכע זענען פאַראַן אין קאַמער. אָט
לייגט פאַר אַ ווייסרוס דעם יידישן קאָמוניסט, וועלכער גייט אין קאַרצער, אַז
ער זאָל אָנטון זיינע שקאַרפּעטקעס וועלכע זענען וואַרעמער. אָט ציט פון זיך
אַראָפּ אַן אוקראַאינער זיין סוועטער ווייל ער איז אַ דיקערער. דאָס זעלבע
קומט פאָר פאַרקערט: ווען ס'גייען אין קאַרצער אוקראַאינישע, ווייסרוסישע
אָדער פּוילישע כאַווירים.

ווען ס'קומט צוריק אַ יידישער קאָמוניסט פון קאַרצער, דאַן וואַרט אים
אָפּ ביים אַריינגאַנג אַן אוקראַאינישער אָדער פּוילישער כאַווער, וועלכער באַ-
גריסט אים דורך דערלאַנגען די האַנט (רעדן טאָר מען נישט, אָפּטמאָל איז
אַפילע שווער דערלאַנגען די האַנט), און דערלאַנגט אים די „מענאַשקע" זופּ,
וואָס מ'האָט ביים עסן צוזאַמענגעקליבן ביי קאָמוניסטן פון זעלבן קאַמער (צו-

זאַמעננעמען עסן איז פאַרבונדן מיט גרויסע שוועריקייטן און דראָט מיט קאַרצער און פייניקונגען); די רעשט כאַוויירים שטייען און היטן, אַז ס'זאָל נישט דערזען דער וואַך-פּאָליציאַנט פון קאָרידאָר, אַז דער אָנגעקומענער פון קאַרצער עסט זופּ (פאַר אַזאַ זאַך דראָט קאַרצער דעם וואָס עסט, און אויך דעם, וואָס האָט די זופּ דערלאַנגט, נישט איין קאָמוניסט איז פאַר אַזעלכע זאַכן אָפּגעקומען לאַנגע טעג קאַרצער).

דער אַלטער פּוילישער מוירער-אַרב. יאַבלאָנסקי, וועלכער פלעגט פון צייט צו צייט באַקומען אַ ביסל „רעפּעטע", האָט דאָס ביסל רעפּעטע-זופּ, אַלס אויסדרוק פון סאָלידאַריטעט, אין די ערשטע רייע אַוועקגעגעבן יידישע און אוקראַיִנישע געפאַנגענע; ביי דעם מוירעדיקן הונגער, וואָס ס'האָט אין אָנפאַנג געהערשט אין בערעזע, איז אַ ביסל זופּ, אַ שטיקל ברויט געווען פון דעם טייערסטן מיט וואָס מ'האָט געקענט איינער דעם צווייטן העלפן.

דאָס ברידערלעכע צוזאַמענלעבן אין דער קאָמונע פון די קאָמוניסטן און אַנטיפאַשיסטן אין בערעזע, איז נישט בלויז געקומען צום אויסדרוק אין קעגנזייטיקע הילף, נאָר האָט אויך זיין באַשטימטן אידעישן אינהאַלט.

נישט געקוקט אויפן מוירעדיקן טעראָר, נישט באַזיצן קיין צייטונג, קיין בוך, זיין אָפּגעריסן פון דער אויסערלעכער וועלט, ביי דער לאַגע איז דער אידעישער קאָנטאַקט אונטערגעהאַלטן געוואָרן צווישן אַלע פּראָלעטאַרישע געפאַנגענע אין בערעזע. מ'האָט אויך געפייערט (עמעס לויט אַן אייגנאַרטיקן אויפן) די פּראָלעטאַרישע יאָמטויווים און גערענק-טעג.

די קאָמוניסטן און אַנטיפאַשיסטן פון אַנדערע פעלקער האָבן זיך באַמיט מיט אַלע מעגלעכקייטן צו פאַרלייכטערן די לאַגע פון די יידישע געפאַנגענע ביי דער אַרבעט. זיי האָבן אויסגעפירט די שווערע אַרבעטן און אָנגעוויזן די יידן ווי אַזוי אויסצופירן די פאַרשיידענע ערד-אַרבעטן.

צו העלפן איין געפאַנגענעם דעם צווייטן איז שטרענג פאַרבאָטן, אָבער דאָס האָט נישט אָפּגעשראָקן די אוקראַיִנישע, פּוילישע און ווייסרוסישע כאַוויירים. דער סימבאָל פון ברידערלעכקייט אין בערעזע איז געווען דער שוין דערמאָנטער 50-יעריקער מאַרטירער טראָפּים מאַרישטשוק. ער האָט אַ באַזונדערע פאָטערלעכקייט אַרויסגעוויזן צו די גערוידעפּטע יידישע פּאָלעטאַרישע געפאַנגענע אין בערעזע; אַלס נעקאָמע פאַרן אינטערנאַציאָנאַלן ברידערלעכן צוזאַמענלעבן, האָבן די אוקראַיִנישע נאַציאָנאַליסטן אַ נאָמען געגעבן די אוקראַיִנישע קאָמוניסטן און אַנטיפאַשיסטן „שאַבעס-גויעם".

איינמאָל איז דעם יידישן געפאַנגענעם סקראָבעק אויסגעקומען צו אַרבעטן צוזאַמען מיטן פּוילישן טעקסטיל אַרבעטער פון וואַרשע סאַנקאָווסקי. זיי האָבן געדאַרפט אויסרייניקן דעם שמוץ פון אַ טיפן קאַנאַל. ער, סאַנקאָווסקי, איז שוין אַ מענטש פון העכער 40 יאָר, ער איז נאָר וואָס געהאַט אַרויס פון „קראַנקן-קאַמער", ווו ער איז 4 וואָכן צייט געלעגן מיט אַן אָפענער אייטערדיקער ווונד. סאַנקאָווסקי האָט זיך די גאַנצע צייט געפונען אין קאַנאַל און אַרויסגעוואָרפן דעם שמוץ. ער האָט אויף קיין פאַל נישט געוואָלט אַריינלאָזן סקראָבעקן אין קאַנאַל אַריין צו דער שווערער אַרבעט.

צום סאָף פון דער אַרבעט האָט דער וואַך-פּאָליציאַנט האַביי פאַרפירט אַ געשפרעך מיט סאַנקאָווסקין. ער האָט זיך דערביי אויסגעדריקט, אַז אַלעס שלעכטס נעמט זיך פון די יידן, און אַז מ'דאַרף פאַרטרייבן די יידן פון פּוילן.

דערויף האָט סאַנקאָווסקי געענטפערט:

— הערן קאָמענדאַנט!

„דאָס לידל פון ראַסן-האַס קען איך נאָך פון די צאַרישע צייטן"!

„דער ייד וואָס שטייט דאָ, איז מיין פריינט“!
„מיין סוינע איז דער יידישער און פוילישער געוויר“!
דער פּאָליציאַנט איז געבליבן שטיל...

## דער וויזיט פון מיניסטער,

דעם 19-טן פעברואַר 1935. אַ ליכטיקער ווינטערדיקער טאָג. די געפאַנגענע, מיט קילאָפּן און לאָפּאַטעס אין די הענט, געבויגן אין דרייען, האָבן געקאָפּעט, אָן שום נוצלעכקייט, די פאַרפרוירענע ערד, וועלכע האָט אויף יעדן קלאַפּ מיטן „קילאָף“ געענטפערט מיט אַ שפּריץ אין פּנים פון פאַרפרוירענע אייז קאַלטע, האַרט ווי גלאָז, שטיקער ערד. טייל געפאַנגענע האָבן מיט די „בערעזער בעזימער“ אָפּגעקערט דעם ווייסן שניי פון די שמאָלע פּאַרק-אַלעען און באַשיט מיט פרישן, געלן זאַמד, קעדיי די איידעלע פיס פון די בערעזער סאַדיסטן זאָלן זיך נישט אויסגליטשן...

פון דעם דערנעבנדיקן שאָסיי האָבן זיך דערטראָגן קלאַנגען פון גלעקלעך, אָנגעהאָנגען אויף די פערדישע מאָרדעס. שליטעלעך מיט ווייסרוסישע פּויערים זענען געפאָרן אויפן יאַריד אינם שטעטל בערעזע. אָבער ווענדן דעם בליק אין דער ריכטונג צו די שליטעלעך, וואָס דערמאָנען אין דער אויסערלעכער וועלט — דאָס איז פאַר אַ בערעזער געפאַנגענעם נישט דערלויבט.

פון צווישן דער מענגע פּויערישע איינפאַכע שליטעלעך, האָט זיך אויפן שאָסיי באַוויזן אַן עלעגאַנטער אויטאָ, וועלכער האָט זיך אָפּגעשטעלט פאַרן לאַגער און פון אויטאָ זענען אַרויס דריי עלעגאַנט-געקליידעטע, באַיאָרטע הערן אין דער ריכטונג צו דער געביידע פון אינספּעקטאָר.

צווישן די געפאַנגענע האָט זיך פאַרשפּרייט אַ ידיעה, אַז דער אינערן-מיניסטער מיט זיינע באַגלייטער זענען געקומען מיט אַ וויזיט אין קאָנצענטראַציע-לאַגער.

די ידיעה האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר ריכטיק, ווייל אין אַ קורצע צייט אַרום איז געמאָלדן געוואָרן, אַז ווער פון די געפאַנגענע ס'האָט עפּעס אַ ביטע אָדער אָנקלאַגע, וועט זיך קענען ווענדן צום מיניסטער. דער מיניסטער האָט געמאַכט עטלעכע פאָטאָגראַפישע אויפנאַמעס און עטלעכע מינוט באַטראַכט די פאַרפייניקטע געפאַנגענע.

פון איין זייט האָט דער מיניסשער געמאַכט אַ זשעסט און געמאָלדן די געפאַנגענע, אַז ער וועט אויפנעמען ביטעס און אָנקלאַגעס, פּונקט אַזוי ווי דער אינערן-מיניסטער וואָלט אין גאַנצן נישט „געוווּסט“, וואָס עס קומט פאָר אין בערעזע. — פון דער צווייטער זייט האָט די אַדמיניסטראַציע פון לאַגער באַקומען פון מיניסטער אַזעלכע אינסטרוקציעס, וואָס זאָלן מאַכן אוממעגלעך, אַז די געפאַנגענע זאָלן צווישן זיך קאָנען פאַרשטענדיקן וועגן אינהאַלט פון זייערע ביטעס און אָנקלאַגעס.

ווי נאָר די געפאַנגענע זענען געקומען אין לאַגער אַריין אויף מיטאָג, זענען זיי באַגעגנט געוואָרן מיט אַ פאַרשטאַרקטער וואַך, אונטער דער אָנפירונג פון קאָמיסאַר יאַנוש. מ'האָט זיי נישט אַרויפגעלאָזט, ווי טאָמיד אין די סאַמערן צו נעמען די מענאַשקעס צום מיטאָג, נאָר אויפן אָרט איז פאַרשריבן

געוואָרן אויף אַ ליסטע די, וואָס ווילן זיך ווענדן מיט ביטעס אָדער אָנקלאַגעס. די פאַרשריבענע זענען איזאָלירט געוואָרן.

נישט געקוקט אויף די אַלע שפּיצלעך, האָט זיך די גרעסערע מערהייט פון די קאָמוניסטישע און אַנטיפאַשיסטישע געפאַנגענע פאַרשריבן צום מיניסטער.

די קאָמוניסטן זענען געווען די איינציקע אין בערעזע, וועלכע האָבן געפאָדערט פון מיניסטער פאָלגנדיקע זאַכן:

צולאָזן עסן פון דער פריי!

צולאָזן היגיענישע מעדיקאַמענטן ווי זייף, צאָן-באַרשטל, צאָן-פּאַסטע א. אַ. וו.

אויסברייטערן די קאָרעספּאָנדענץ מיט די פאַמיליעס!

צולאָזן די פאַמיליעס אויף זעאונגען!

פאַרלייכטערן די אַרבעט!

אָפּשאַפן דאָס שלאָגן, קאַרצערן, שטראָף-גימנאַסטיק און „זשאַבקעס“!

גלייכצייטיק האָבן די קאָמוניסטן איבערגעגעבן וועגן דעם פּייניקן און שלאָגן, אָנגערופן אַ ריי נעמען פון די פּאָליציי, וועלכע האָבן זיך אין דער הינזיכט ספּעציעל אויסגעצייכנט.

אויף די אַלע איבערגעגעבענע פאַקטן האָט דער מיניסטער געמאַכט אַן אומשולדיקע מינע, געצויגן מיט די אַקסלען, אַזוי ווי איינער וואָס דערוויסט זיך ערשט דורך די געפאַנגענע וועגן דער בערעזע-אינקוויזיציע...

דער מיניסטער האָט פאַרצייכנט און דערקלערט אַז מען וועט מער נישט שלאָגן און פּייניקן..

וואָס איז שייך די אַנדערע פאָדערונגען ווי שפּייז א. אַ. וו. וועט אין בערעזע נישט דערלויבט ווערן

פונדעסטוועגן האָט גאָרנישט געשטערט, ווען דער מיניסטער איז געזעסן אין קאַנצעלאַריע, וואָס געפינט זיך אין פּאַרטער, אויפגענומען אָנקלאַגעס, און „צוגעזאָגט“, אַז מ'וועט נישט פּייניקן — אין דער זעלבער צייט איז דעם מי-ניסטערס אויספירער, דער פּאָליציאַנט ווענצעק, געשטאַנען אויף דער וואַך מיט איין שטאָק העכער ביי די קאַמערן, אַרויסגערופן אויפן קאָרידאָר דעם פּראָלע-טאַרישן געפאַנגענעם לייזער כאַראַפּקאַ און געפירט מיט אים אַזאַ געשפּרעך:

— וואָס פאַר אַ פאַרב האָט די פאָדלאָגע? — האָט ווענציק געפרעגט, אָנווייזנדיק מיט זיין האַנט אויף דער פאָדלאָגע

— שוואַרץ! — האָט כאַראַפּקע געענטפערט.

— און איך זאָג — האָט ווענצעק ווייטער פאַרגעזעצט אַז די פאָדלאָגע — איז נישט שוואַרץ, נאָר ווייס...

— ווי ס'איז באַקאַנט, פאַרלאַנגט דאָך די פּאָליציי פון יעדן, אַז ער זאָל זאָגן דעם עמעס — און עמעס איז דאָך, אַז די פאָדלאָגע איז שוואַרץ... — האָט כאַראַפּקע ווייטער געענטפערט.

— דו קאָמוניסט! זשיד! ווען אַ פּאָליציאַנט אין בערעזע זאָגט אויף „שוואַרץ“ — „ווייס“, מעג דאָס זיין פאַרקערט, מוז אַן אַרעסטירטער אין בערעזע זאָגן אַזוי, ווי ס'וויל דער פּאָליציאַנט. מיר וועלן אייך, פאַרשאָלטענע קאָמוניסטן, אויסלערנען צו זיין „פּאָסלושנע“!

— „פּאַדני“! „פּאָווסטאַן“!

— „ביעגעם מאַרש“!

— „שאַד“! „פּאַדני“!

— צוריק! נאָכאַמאָל!

— מיר פּאָליציאַנטן האָבן נישט קיין מוירע פאַר אייערע קאָמוניסטישע אָנקלאַגעס — ווייל דאָס וואָס מיר טוען, איז דער ווילן פון מיניסטער.

⁂

אין דעם גרויען, אומעטיקן, האַרטן בערעזער קאָנצענטראַציע־לאַגער האָבן די געפאַנגענע אינם טאָג פון 19־טן פעברואַר 1935 איבערגעלעבט צוויי סענסאַציעס מיט איינמאָל: דעם וויזיט פון מיניסטער און דאָס ברענגען 2 פּראָלעטאַרישע געפאַנגענע, דעם וואַרשעווער שוסטער־אַרבעטער אַדאַם לישקעוויטש און דעם לערער ליבער מושינסקי...